נעגעבען אויבערהויט יעדער פאסירונג און געשעהענים אין דיזער אינדוסטריע, וועט פאר אונז ניט נויטיג זיין דארט נאכצושפאציערען מיט פארשיעדענע בריהען, אום נאכער דאס צו דערצאהלען דעם לעזער פון „ליידיס גארמענט ווארקער" אלס א מאבל... די „גייע צייט", די „גייע פאסט" און טאקי דער „ליידיס גארמענט ווארקער" אליין, זיינען גענוג צו בעפריעדיגען דעם חשק פון'ם טריידיוניאניסטישען לעזער, ווען איהם ווילט זיך וויסען, וואס עס קומט פאר אין די רייהען פון די פרויען און מענער־קליידער ארבייטער.

אין די פאר ארטיקלען, וועלכע מיר וועלען נאך ווידמענען צו שילדערן אונזער „משפחה", וועלען מיר מייסטענס זיך אבשטעלען אויף יענע טריידס און יוניאָנס, וועלכע האבען פארלויפיג פלאץ פאר זייערע שטרעבונגען און קעמפפע בלויז אין א ווינקעל פון א טעגליכער צייטונג.

איידער מיר קומען אבער צו דיזער ארבייט, ווילען מיר זאגען א פאר ווערטער וועגען די פערייניגטע אידישע געווערקשאפטען, וועלכע איז די מאמע פון יענע יוניאָנס, און וועלכע גיט זיי פון צייט צו צייט די נויטיגע צערטליכקייט, און שעפט זיי ארויס פון צרות.

און זאל שוין דא גלייך בעמערקט ווערען, דאס אפט פערקוקט די פערייניגטע אידישע געווערקשאפטען אויף פיעלע פעהלערען וועלכע מאנכע יוניאָנס בעגעהען, מיט דעם פולען בעוואוסטזיין אז דאס וואס זיי טהוען איז ניט אין איינקלאנג מיט דער מאראל און טראדיציע פון דער ארבייטער־בעוועגונג.

צי דאס איז גוט אדער שלעכט, איז א פראגע איבער וועלכער עס וואלט זיך געלוינט עטוואס צו זאגען און טאקי פון אן אייגענעם מענטשען.

די פערייניגטע אידישע געווערקשאפטען איז, זא צו זאגען, די צענטראלע קערפערשאפט פון די אידישע יוניאָנס. זי האט געקענט זיין א פאראמענט פאר די אידישע ארבייטער, ווען אלע לאקאל יוניאָנס וואלטען געזעהן, אז זייערע פראגען און פראבלעמען זאלען זיך אבשפיעגלען צווישען איהרע ווענד. אזוי אבער ווי עס איז יעצט, אז קוים קומט א יוניאָן צו איהר נאטירליכען וואוקס, ווערט זי א מלוכה'לע פאר זיך, און וויל גאר ניט וויסען וואס עס קומט פאר אין נאך אזעלכע קעניגרייכען, הייסט די פערייניגטע אידישע געווערקשאפטען, וועלכע האט געזאלט זיין זייער צונויפטרעפונגס־פונקט, דעם אויסזעהען פון אן אלטער באבע, וואס קריכט ארום מיט א פאטשיילקע קלייבען נדבות, ווען זי דערוויסט זיך פון אן עלענדער פאמיליע ביי איהר אין שטעדטעל. און בעסטען פאל ווערט זי פערוואנדעלט אין א „קאנצעלאריע", וואו עס זיצט א „סמאטריטעל" און פראטאקאלירט אין וועלכען טרייד עס הערשט פריעדען, וואו מען גרייט זיך צו מלחמה; אדער צי איז ניט ווער־עס־איז געקריוודעט געווארען פון דער אדער יענער „עקזעקוטיוו באארד".

אין דעם איז אבער ניט שולדיג די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אלס ארגאניזאציאָן. גראדע וואלט זי יא וועלען זאגען איהר ווארט ביי יעדער וויכטיגער און ניט וויכטיגער געשעהענים פון יעדער לאקאל יוניאָן. ווייסען מיר דאך, דאס זאגאר ביי פערשיעדענע ארויסטרעטונגען פון סאציאליסטען, אנארכיסטען אדער אנדערע אבטהיילונגען פון דער ארבייטער בעוועגונג אלס א גאנצע, איז אין אזא אדער אן אנדער פארמע, דער נאמען אדער די שטעמפעל פון „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען" אימער געווען פערמישט!

די צרה איז, וואס די יוניאָנס געפינען ניט פאר נויטיג, אז זייערע האפנונגען און ענטטוישונגען, נצחונות און ניעדערלאגען זאלען ארויסשטראמען אין זייער גאנצער קלארקייט אין דער ארגאניזאציאָן, וועלכע שטעהט אן דער שפיצע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג, פאר די לעצטע 25 יאהר.

עס איז דאהער שוין ניט קיין וואונדער, דאס ווען עס מאכט זיך אן אויפרעגונג אין א ווינקעל פון דער אידישער טרייד־יוניאָן־בעוועגונג, איז די געמיטהער פון מאנכע ווארטפיהרער ווערט צוהיצט; ווען עס ווארפען זיך הענד פון רעדאקטערע; עס קייקלען זיך צינגער פון אפיציעל וועלט־שמערץ־טרעגער און ניט אפיציעל־עקס־סאציאליסטישע יוניאָן־פרעסער — איז ניט קיין וואונדער, דאס ווען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען וויל שוין נעהמען אן ענערגישע שטעלונג, איז זי דאן הילפלאז, און דארף נאר בלאנדזשענען צווישען די קאלומנעס פון „פארווערטס", אום צו זוכען א פאסענדיג ווארט צו בעצייכענען די סיטואציאָן.

און נאך עטוואס.

עס טרעפט, דאס יוניאָנס דורך זייערע אפיציעלע פערטרעטער מאכען א שלעכטען שריט, ביי עטוואס א פערדרעהעניש קען עס אבברענגען שאנדע דער גאנצער ארבייטער־בעוו

[illegible] בריאנטען. דער צװעק פון דיזען פלאן איז [illegible] אין דײטש יעדעמער, צו מאכען אלע [illegible] פירער צו שאנד און צו שפאט און [illegible] צובינדען די פעדעריישאן און די [illegible]

[illegible] נאמפערס איז געװען בעקאנט [illegible] א געװעזער פון סאציאליזמוס, האבען די [illegible] פון דער נ. א. מ. געװאלט מאכען איהם [illegible] בעל תשובה, ער זאל אינטערעסירען [illegible] געבראכטע ווירד און ער זאל נעהמען [illegible] ראלען לעקטשורס געגען סאציאליזם און יעצט מאכען װעניגער [illegible] יאהר א יאהר, װעט די נ. א. מ. [illegible] פיי איהר קאסבע.

נאמפערס האט גלײך געהײסען דאנקען׳ען [illegible] יאנגאנגטע יודי בעצײכענען מיט זײן נאמען [illegible] דאטים און האט אלע דאקור [illegible] װאס האבען א שייכות מיט דער אפער [illegible] בעראלטען. עס האט זיך ארויס [illegible] אז בראנדענבורג האט נאכהער בע[illegible] צימער אין האטעל און געזיכט די [illegible] אין די שופלאדען.

נאמפערס האט געװאלט ניט אנדערש װי [illegible] אז אינטערװיו װעגען דיזער אנגעלע[illegible] מיט װאן־קליעװ׳ן אליין, בכבודו [illegible] מיט דעם גדול אליין ארײנצונארען.

[illegible] האט זיך אבער אנגעשטױסען װאס נאמ[illegible] האט בעציעסט, און עס איז דערפון דער [illegible] נאר גיט געװארען.

די נ. א. מ. װעט איצט טרײען זיך ארױס[illegible] פון די אלע בעשולדיגונגען, װאס איהר [illegible] פארזיכטער אגענט און בעטייליגטע [illegible] האבען געמאכט און איהר [illegible] פון דיזע בעשולדיגונגען װערען איהם צו [illegible] ניט בעשײנעט דורך די הונדערטער [illegible], װאס מארטאל האט איבערגעגעבען דער „ניו יארק װארלד“. איהר גאנצע פערטיידי[illegible] װעט מסתמא זײן, אז מארטאל איז א בלאז[illegible] און אז ער װיל ברײנגען שאנדע אויף איהרע פירער, דערפאר װאס זײ האבען איהם אבגעזאגט פון זײן הויטאב. עס איז שווער צו זאגען װי פיעל דער אמת איז דא געמישט מיט שקר. אזא מענש װאס פערקויפט זיך פאר געלד און טרײעט אנדערע איבערקויפען און דעמאר[illegible] לזירען, קען מען ניט גלויבען אדער טרײען. אבער די שמוציגע מיטלען, װאס די פיהרער פון די נ. א. מ. האבען די גאנצע צײט בענוצט געגען דער ארבײטער בעװעגונג און איהרע בע[illegible] אמטע, איבערדײפט די מעשה מיט נאמפערס׳ן בעװײזען, אז מארטאל׳ס מײסטע, אויב ניט אלע, פאקטען, זײנען אמת, מעהר אדער װע[illegible] ניגער.

די אידישע טרייד יוניאן משפחה

פון ה. לאנג

אייגענטליך איז שוין אונזער „משפחה“ א גאנץ גרייסע, קיין עין הרע... ארום דער פאהן פון די פעראייניגטע אידישע געװערקשאפטען האבען זיך שוין פֿערזאמעלט ארום הונדערט איד[illegible] דישע ראטאל יוניאנס. יעדע פון זיי פערטרעט [illegible] א בעשטימטען צװייג פון א [illegible] אינדוסטריע; און האט זיך א[illegible] פראגען און איהרע פראבלעמען.

עס װאלט ניט געשאדט, אז אויף די פייר[illegible] פון׳ס „לײדיס גארמענט װארקער“ זאל [illegible] װערען שטריכען פון יעדע לאקאל [illegible] בעזונדער. די סביבה, אין װעלכער עס [illegible] אייב אונזערע יוניאנס צו ארבייטען און װירקען, איז ניט אלע מאל א גינסטיגע. זי איז אבער, און אפשר דערפאר, אינטערעסאנט.

דורכשװימען דיעזע סביבה, און ארויס־ברענגען פאר׳ן לעזער די אומשטענדען, מיט װעלכע יעדע יוניאן האט צו קעמפפען פאר איהר עקזיסטענץ, איז אפילו א שװערע ארבייט, אבער א דאנקבארע. װעט דער רבונו של עולם געבען געזונד און דער רעדאקטאר פלאץ, װעלען מיר דאס טהאן.

פערשטעהט זיך, אז אזעלכע ריעזיגע אינדוס־טריען װי די לײדיס אדער מענס גארמענטס, װעלכע האבען אזעלכע ריעזיגע יוניאנס, און האבען אייגענע צייטשריפטען, װאו עס װערט

איהם דורכקומען װעגען אייערע צװיסטיגקייטען. איך קען אייך אין דעם העלפען.“

דארויף האט גאמפערס טאקטיש און געלאסען געענטפערט:

„מיין שטעלונג צו װאן־קליװ איז נור זיך צו פערטיידיגען. צו איהם פערזענליך, אדער צו זיין אסאסיאיישען, האב איך גאר ניט. אין העלערבער צייט װעל איך איהם ניט ערלויבען צו מאכען אויף מיר אטאקעס. אונזער באװעגונג שטרעבט צו האבען א בעסערע פערשטענדיגונג מיט ארבייטס־געבער און איך האב ניט דאגעגען צו פערשטענדיגען זיך מיט די פיהרער פון די נ. א. מ.“

בראנדענבורג האט ערקלערט, אז מען קען אן אינטערװיו ארראנזשירען, אבער נור צװישען זיי אליין: גאמפערס און װאן־קליװ.

נאכהער האט ער מיט גאמפערס'ען זיך איבערגעשריעבען און געװאלט מאכען א בעשטעלונג, אז גאמפערס זאל קומען אין ענגעלפיעלד, באונד־קאראליינא, װאו ער װעט איהם װיכטיגעס מיטטהיילען. גאמפערס האט זיך אבער דערפון ארויסגערעדט מיט פערשיעדענע תירוצים און האט ליעבער געװאלט מאכען די בעשטעלונג אין װאשינגטאן. ענדליך איז די בעשטעלונג געמאכט געװארען פאר דעם 26טען אקטאבער אין װיקטאריא האטעל, ניו יארק, װאוהין גאמפערס איז געקומען צו א קאנפערענץ מיט װייס־פרעזידענט דאנקען און װיליאם הובער פון דער פעדערײשאן און איינינע דעלעגאטען פון די סטראקטשורעל בילדינג טריידס אלייענס.

גאמפערס האט זיי גלייך דערצעהלט די געשיכטע און זיי האבען איהם געראטהען מיט בראנדענבורג'ען צו קאנפערירען. ער האט גערעכענט, אז זיינע קאלעגען זאלען אין דעם קאנפערענץ מיט בראנדענבורג'ען אנטהייל נעהמען. זיי האבען נאטירליך ערװארט צו הערען װעגען די פלענער פון דער נ. א. מ. יענער אבער האט ניט אנדערש געװאלט װי רעדען מיט גאמפערס'ן אינטער פיער אויגען.

„דא,“ דערצעהלט גאמפערס, „איז מיר די גאנצע געשיכטע פערדעכטיג געװארען, און איך האב ביי זיך אבגעמאכט, אז װען בראנדענבורג װעט קומען אין האטעל, מוזען מיינע קאלעגען איהם זעהען און איהם מיט זייערע בליקען דורכנעהמען. האב איך זיך עקסטרא געשטעלט רעדען מיט מיינע קאלעגען אין אזא פאזיציע, אז װען אימיצער װעט קומען צו מיר, זאל איך שטעהן צו איהם מיט'ן רוקען.“ בראנדענבורג איז צוגעקומען און זיי זיינען אװעק אין א בעזונדער צימער.

בראנדענבורג, װעלכער האט זיך ניט געװאלט זעצען, האט געמאכט א זויערע מינע, אזוי װי עס װאלט איהם לייד געטהאן װאס ער דארף קומען מיט אזא שליחות. ער האט ערקלערט, אז ער האט אונטער זיין השגחה א קאנצעלאריע, װאס איז ארגאניזירט געװארען פאר די נ. א. מ. און איהר אויפגאבע איז, צו לאזען װיסען פאר דער װעלט װי אונמאראליש און אונעהרליך געװיסע ארבייטער־פיהרער זיינען. זיי האבען שוין אויסגעפארשט דאס לעבען און כאראקטער פון יעדען װיכטיגען בעאמטען אין דער אמעריקאן פעדערײשאן אװ לייבאר און האבען געשװארענע דאקומענטען פון יוניאן־בעאמטע צו בעװייזען װי אונמאראליש גאמפערס און אנדערע האבען זיך אויפגעפיהרט.

„אין 1895,“ האט בראנדענבורג װייטער גערעדט, „זיינט איהר געלעגען קראנק אין ליטטל ראק, ארקאנסא. מען האט אונז דערצעהלט, אז האבענדיג פערלוירען די האפנונג געזונד צו װערען, האט איהר אויפגעשריעבען א זארט װידוי װעגען די פאקטען פון אייער לעבען. נו, בין איך געקומען אייך ראטעװען. איך װיל איהר זאלט מיר געבען אזא סארט געשריעבענע װידוי; עס זאל אויסזעהען, אזוי װי איהר האט עס דעמאלט געשריעבען. דאס װעט אייך אליין קיין רעה ניט טהאן, עס װעט אויסזעהען אזוי װי איהר װילט אנדערע מענשען װארענען.“ און בראנדענבורג האט איהם דערלאנגט א פאפיער, אויף װעלכען עס איז געװען געשריעבען א פארטיגע װידוי.

„איך האב דעם דאקומענט איבערגעלייענט צװיי מאל,“ דערצעהלט גאמפערס, „זעהענדיג, אז ער װיל מיר איינרעדען, אז ער װייס בלומריש די פאקטען פון מיין לעבען, האב איך זיך איינגעהאלטען מיט אלע כחות. און אום אויסצוהערען זיין גאנצען פלאן ביז'ן סוף, האב איך רוהיג בעמערקט — איך זאג ניט, אז איך בין געװען א ריינער מלאך.

„מיינענדיג, אז איך בין מודה אויף זיינע װערטער, האט ער ערקלערט, אז ער מיינט מיך צו ראטעװען, אויב איך װעל איהם ארויסגעבען געװיסע פאקטען װעגען מיינע קאלעגען און ידיעות װעגען אונזער אינערע ארבייט, (מיט אנדערע װערטער, לאזען זיך איבערקויפען) װעט די נ. א. מ. מיך גאנץ שעהן אויף דעם גאנצ־

איינציקאַרטיגע מיטלען צו שטימען פיר אָדער געגען פּראָיעקט־געזעצע, וואָס דינען ניט געוויסע אינטערעסען. פריהער האָט א סענאַט־קאָמיטע אונטערזוכט „לאָבביאינג" בכלל; האָט זיך ארויס־געוויזען, אז עס זיינען טאַקע געברויכט געוואָ־רען [illegible] אונגעזעצליכע מיטלען געוויסע געזעצגעבער צו בעאיינפלוסען. דערפון זיינען איצט ארויסגעוואַקסען צוויי בעזונדערע אונ־טערזוכונגען, איינע ביי די סענאַט־קאָמיטע און די צווייטע ביי א קאָנגרעס־קאָמיטע וועגען די „לאָבביאינג", וואָס די בעאַמטע פון די נײשאַנאַל אַסאָסיאיישאַן אָוו מאַנופעקטשורערס (אין קורצע ווערטער די נ. א. מ.) האָט בעטריעבען זייט פיעלע יאָהרען. איהר צוועק איז געווען אַבצושאַפען, אָדער זעהען צו פערוואַרפען פּראָ־יעקטען פאַר ארבייטער־שוץ־געזעצע, און ניט צו דערלאָזען, אז די אָרגאַניזירטע ארבייטער אָדער די יוניאָנס זאָלען קריגען וועלכע־עס־איז [illegible] פון די געזעץ־מאַשינען אין וואַשינגטאָן און אַנדערע ערטער.

אז די נ. א. מ. איז געווען בכח „וועלטען איבערצייגעהען" אין דיזער הינזיכט, קען מען זעהן פון איהר צוזאַמענשטעלונג. לויט ווי די ניו יאָרק „וואָרלד" האָט ערקלערט, בעשטעהט די נ. א. מ. פון 4,000 טהעטיגע מאַנופעקטשו־רערס, וועלכע קאָנטראָלירען אַלע צוזאַמען א קאַפּיטאַל פון 10 ביליאָן דאָלאַר, און בעשעפטי־גען אין ערך 5 מיליאָן מענשען. וואָס האָבען אזעלכע פיהרער ניט געקענט טהאָן? זיי האָבען אבער געדאַרפט מאַכען אַן עקסקורשאַן אויף דעם טייך האָרסאָן אום צו־זיך צו קומען אין פינאַנצען. געלד איז געווען לרוב. צו בע־קעמפפען די יוניאָנס האָט מען גאַנץ לייכט צוזאַמענגעשאַפט אַנדערהאַלבען מיליאָן דאָל.; צו בעקעמפען גאָמפּערס'ען אַליין איז געווען איינגערעכנט אַן א זייט גאַנצע 40 טויזענד דאָלאַר. [illegible] האָט מען שוין געאַרבייט אויף „אַלע פראָנטן", ניט נור אויפ'ן פּאָליטישען, נור אויך אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד. חוץ איבער־קויפען סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייטע האָט די נ. א. מ. דירעקט געהאַט בעצאָהלטע שפּיאָנען אין די יוניאָנס. זי האָט איבערגעקויפט יוניאָן־בעאַמטע, שוואַכע מענשעלעך, קליינע נשמות און האָט געבראָכען סטרייקס ניט דורך פרעמדע, נור דורך אייגענע סטרייק־ברעכער. ווייל, ווי בע־קאַנט, זיינען אייגענע מענשען די געשייטעסטע נאָך די ערגסטע שונאים און, נאַטירליך, די בעסטע סטרייק־ברעכער.

דעם 25טען יולי, דאַרפען גאָמפּערס אין מיטשעל פאָרקומען פאַר דעם סענאַט קאָמיטע אלס עדות און דערצעהלען וואָס זיי ווייסען פון דיזער ריעזיגער קאָנספּיראַציע געגען דער אָר־גאַניזירטער ארבייטערשאַפט. גראָד איצט איז פאַר אונז בעזאָנדערס אינטערעסאַנט ווי די נ. א. מ. האָט געפּלאַנעוועט גאָמפּערס'ען צו בעזייטיגען, און וועלכע שמוציגע מיטלען זי האָט דערביי אָנגעווענדעט. גליקליכערווייזע איז גאָמפּערס ניט קיין „קליין מענשעלע". ניט נור איז ער געשטאַנען אייזען־פעסט אין זיינע איבערצייגונגען און געווען געטריי צו די פּרינציפּען פון דער טרייד־יוניאָן־בעוועגונג, נור עס האָט גע־פעהלט א האָאָר אז ער זאָל אריינכאַפּען אין נעץ דעם גרויסען וואָן־קליוו, דער פערשטאָרבענעם פּרעזידענט פון די נ. א. מ.

ווען גאָמפּערס האָט מיט עטליכע יאהרען צוריק טהיילווייז די געשיכטע פערעפענטליכט, האָט איהם די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע געהאַל־טען פאַר משוגע.

די מעשה פעררדיענט צו האָבען א שטענדי־גען פּלאַץ אין דיזען זשורנאַל און מיר גיבען דאָ איבער איהרע וויכטיגסטע איינצעלהייטען בקיצור.

אויף דעם יעהרליכען קאָנווענשאַן פון די אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר אין 1907 האָט גאָמפּערס אָבגעגעבען א פּ ע ר ס א נ ל י כ ע ן רעפּאָרט פון דער גאַנצער געשיכטע. דיזער רעפּאָרט איז אַלזאָ ניט פערעפענטליכט געוואָרען, און איז ערשט לעצטען מאָנאַט איבערגעגעבען געוואָרען צו דער פּרעסע, נאָכ־דעם ווי קוירנעל מאַלהאַלל האָט פאַר דער סענאַט קאָמיטע דערמאָנט וועגען א ניט־געלונגענע פערשווערונג פון די נ. א. מ. געגען גאָמפּערס'ען. גאָמפּערס דערצעהלט אין זיין רעפּאָרט פאָלגענ־דעס:

„דעם 28טען סעפּטעמבער, 1907, בשעת איך בין ארויס פון דעם וויקטאָריא האָטעל, ניו יאָרק, איז צוגעקומען איינער, א בראַנדענבורג, (ער איז איצט אין סינג סינג פּריזאָן) און האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס א צייטונגס־שרייבער און א בעקאַנטער.

„איך ארבייט איצטער פאַר די „נ. א. מ.," האָט ער דערצעהלט, „אין איהר קאַמפּיין געגען די יוניאָנס. איך בין אַלזאָ אייערער א געגנער. איך קען אייך אָבער און האָב פון אייך א גוטע מיינונג. איך וואָלט אייך געראַטהען צו פּרובען צוזאַמענקומען מיט הערר וואַן־קליוו און מיט

ווענשאָן. עס איז דאמאלס בעשלאָסען געוואָרען, אז יעדע נאציאָנאלע שניידער־יוניאָן זאָל ערוועהלען א שטענדיגען דעלעגאט, וועלכער זאָל אונטערהאלטען די פערבינדונג מיט אלע אנדערע לענדער. דיעזער בעשלוס איז אָבער ניט געווען פראקטיש און איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. דער צווייטער קאָנווענשאָן איז געווען אין לאָנדאָן, אין 1896, אויך צוזאמען מיט דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטישען קאָנגרעס. דער דריטער קאָנווענשאָן איז אָבגעהאלטען געוואָרען אין פאריז, אין 1900, דער פיערטער אין דרעזדען, אין 1904 און דער פינפטער אין 1908, אין פראנקפורט אם מאין, צוזאמען מיט די קאָנווענשאָנס פון די דייטשע שניידער־יוניאָן. ביים לעצטען קאָנווענשאָן איז אויך געווען א דעלעגאט פון אמעריקא, פון איינע פון די היגע שניידער־יוניאָנס, וואהרשיינליך די דזשורנימען טיילאָרס. פון דאן אָן הויבט זיך אָן די דירעקטע פערטרעטונג ביי דיעזע קאָנווענשאָנס, דאָס הייסט, אז שניידער יוניאָנס פון די פערשיעדענע לענדער וועהלען דירעקט א דעלעגאט צום קאָנווענשאָן.

עס איז אונז איצטער ניט בעוואוסט, אויב וועלכע פון די היגע שניידער־יוניאָנס זיינען געוועזען פערטראָטען אויף דעם וויענער קאָנווענשאָן. מיר האָפען צו געבען נעהערעס אין אונזער נעכסטען נומער.

קאפיטאלס קאָנספיראציע געגען אָרגאניזירטע ארבייטער

גאָמפערס לאָזט זיך ניט איבערקויפען.

פון אהרן „של ראש“

זינט די דעמאָקראטישע פארטיי האָט געקראָגען א מאיאָריטעט אין קאָנגרעס, זיינען די געזעצגעבער שטארק ביזי. מען האָט אין איין אונטערזוכען די „מעשים טובים“ פון פערשיעדענע מענשען אין די הויכע פענסטער. און די הויפטראָלע אין דיעזע אונטערזוכונגען שפיעלען די טראָסטס, די גרעסערע און קלענערע מיליאָנערען. די „לינקע“ ביזנעס, וואָס ווייזען זיך ארויס פון פערשטויבטע געשעפטס־ביכער און פערלעגערטע דאָקומענטען האָבען אויך א שייכות מיט קלענערע מענשעלעך, א שטייגער: סענאַטאָרען, קאָנגרעסלייט, דאָקטוירים און לאָיערס; אָבער דיעזע זיינען ניט מעהר ווי די צייהן פון די רעדלעך וואָס בעוועגען זיך אין דעם גרויסען ראָד קאפיטאל, און מיזען זיך איינפאסען איינע אין די אנדערע, כדי די קאפיטאליסטישע מאשין זאָל קענען איהרע מיליאָנען אויסמאָלען.

דיעזע אלע אונטערזוכונגען ווי דער שטאָהל־טראָסט האָט אייסגעראָטעט אלע קלענערע געשעפטען און פערכאפט אלעס אין זיין האנד; ווי דער געלד־טראָסט קאָנטראָלירט אלע וויכטיגע באנקיערען פון לאנד און האָט אלעס אין זיינע לאפעס ביי דיעזע און צעהנדליגע אנדערע אזעלכע אונטערזוכונגען, ווערען ענטדעקט אינטערעסאנטע פאסירונגען, וואָס געבען אונז א גוטע ידיעה וועגען די מענשען, וועלכע זיינען די אמת'ע הערשער פון לאנד. זיי געבען אונז א בעגריף וועגען דעם, ווי דער גאנצער האנדעל און מסחור, ניט נור פון די יונייטעד סטייטס, נור אויך פון אנדערע לענדער, איז אין די הענד פון דיעזע הערשער. זיי בעווייזען אונז, אז די שפעקולאציע פון אן אונבעוואוסטען מענשען, ערגעץ אין א האָטעל אויף הטע עוועניו, קען ברעכען באנק־געשעפטען, רואינירען טויזענדער סוחרים, פעראָרימען צעהנדליגע טויזענדער מענשען וואָס האָבען געשפאָרט א סענט צו א סענט פון זייער ביטערער הארעוואניע, טרייבען מענשען צו זעלבסטמאָרד און פערזאָרגען יקרות און הונגערנויט אין עטליכע לענדער מיט אמאָל. אָבער ניט איצט איז די צייט און ניט דאָ איז דער אָרט וועגען דיעזע פאקטען צו שרייבען.

די דיסקוסיאָן אין קאָנגרעס וועגען דעם נייעם טאריף־ביל האָט ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז געוויסע טראָסטס, געוויסע קאפיטאליסטישע פירמעס, האָבען יאָהרען לאנג אויסגעגעבען מאסען געלד פאר „לאָבביאינג“, דאָס הייסט, צו בעזוכען אָפט די „לאָבבי“ (האָלל פון קאָנגרעס), זעהען זיך מיט די געזעצגעבער און טרייען זיי בעאיינפלוסען דורך געזעצליכע אָדער

[illegible] יעדע צו דריי יוניאָנס, וועלכע זיינען [illegible] ניט פערבונדען אָדער פעדערירט. מילא [illegible] איז דאָס אַ נאַטירליכע זאַך. עס ליגט [illegible] בלוט; עס איז אַ בולט'ער פאַקט [illegible] היסטאָריע און זייערע טראַדיציעס. אַ [illegible] חברות און קלייזלעך איז גאָר [illegible] ניטאָ. אָבער אפילו ביי די ענג־[illegible] שניידער־אַרבייטער איז אויך קיין פאָל־[illegible] אחדות ניטאָ. חוץ דעם ווערט די [illegible] אמאַלגאַמייטעד סאָסייעטי אָו טיילאָרס [illegible] געפיהרט אויף אַלט־מאָדישע [illegible] אין דאָס אַליין ברענגט צו בעזונדערע [illegible] אין קלייזלעך.

[illegible] פראַנקרייך, וואו די סינדיקאַליסטען מאַ־[illegible] גרעסטען ליאַרעם, זיינען אָבער די [illegible] יוניאָנס גאַנץ שוואַך. עס קומט באַלד [illegible] דאָס גלייכווערטעל „אַלע שניידער געהען [illegible]" פראַנקרייך, וועלכע גיט ארויס די [illegible] מאָדעס פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט [illegible] שניידער יוניאָן אויף דער ליסטע. אין [illegible] זיינען דאָרט געווען 16 קליידער אַרביי־[illegible] יוניאָנס פערבונדען מיט דער אַלגעמיינער [illegible] פעדעראַציאָן. אָבער דיעזע זיינען אויסשליסליך [illegible], וועלכע מאַכען מיליטער קליידער.

[illegible] עסטרייך איז פאַראַן איין שניידער־[illegible] מיט אַ מעמבערשיפּ פון 8300, צוטהיילט [illegible] 11 ברענטשעס אָדער לאָקאַלס. פון דיעזע [illegible] 12[illegible] פרויען. עס איז אונז ניט בעקאַנט [illegible] איבער די עסטרייכישע שניידער יוניאָנס [illegible] בעגרינדעט און ניט אָרגאַניזירט, [illegible] זיי טהאָן אויף פאַר זייער טרייד.

[illegible] איז די איינציגע לאַנד, וועלכע [illegible] איבער אַלע לענדער אין דער צאָהל פון [illegible] אָרגאַניזירטע אַרבייטער און אין די אייז־[illegible] אין קאָנצענטרירטע מאַכט פון די פער־[illegible] פאַבען. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָרט [illegible] געפיהל פאַר אָרגאַניזאַציאָן, אחדות [illegible] צווישען די אַרבייטער בכלל איז [illegible] אין טיעף, הויפט זיך דיעזער געפיהל אויף [illegible] יעדע טרייד בעזונדער.

[illegible] דער דייטשער טרייד־יוניאָן־בעוועגונג [illegible] אין יעדע זאַך אַ סיסטעם און אָרדנונג, [illegible] איז פּשוט אַ מוסטער פאַר אַלע לענדער. [illegible] דאָרט קריגען פערשיעדענע ציפערען [illegible] יעדע יוניאָן וואָס איז פערבונדען מיט'ן [illegible]צענטראַל, אזוי גיך ווי איהר פערלאַנגט [illegible]

[illegible] צו דער שניידער־יוניאָן פון דייטשלאַנד, גיט דער נייעס־בריעף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען טריידיוניאָן סעקרעטאַריאַט אָן זעהר אינטערעסאַנטע ציפערען. פאַר דעם יאָהר 1912 האָט די שניידער־יוניאָן פון דייטשלאַנד געהאַט 286 ברענטשעס אָדער לאָקאַלס, מיט 50,000 מעמבערס, צושפּרייט אין 684 פערשיעדענע געגענדען. דאָרט זיינען אַלע שניידער־אַרבייטער פעראייניגט אין איין יוניאָן און בעשטעהען פון פאָלגענדע אַרבייטער:

מענער שניידער	27,948
איניפאָרם שניידער	1,819
שניידער וואָס מאַכען פאַרטיגע קליידער	9,223
קאַטטערס פון פאַרטיגע קליידער	618
קאַטטערס פון פאַרטיגע דאַמען־קליידער	259
ליידיס טיילאָרס	4,186
אַרבייטער ביי פאַרטיגע פרויען־קליידער	2,278
נעהטאָרינס און אַנדערע ביי פרויען אונטערקליידער (הויפּטזעכליך פרויען)	1,567
קעלנער מאַכער	87
וועשער (ביי קליידער)	326
אונבעשטימט	517
קאָרסעטען מאַכער	163
וועשערינס און פּרעסער (ביי וועש)	913
	50.004

אינטערעסאַנט איז דערביי, אַז פרויען אַרבייטען נור ביי געוויסע טהיילען פון טרייד. פון די 9,223 שניידער וואָס מאַכען פאַרטיגע קליידער זיינען 3,333 פרויען. פון די 2278 פאַרטיגע פרויען־קליידער אַרבייטער זיינען בלויז 417 מענער. פון די 4186 ליידיס טיילאָרס זיינען פרויען כמעט אַ העלפט, נעמליך: 1,732. עס איז אויך דאָ אַ קליינע צאָהל פרויען קאַטטערס, מייסטענס ביי פרויען אונטער־קליידער. וויכטיג איז דער פאַקט, אַז אין דייטשלאַנד טהיילען די פרויען זיך גלייך מיט די מענער דעם כבוד פון בעלאַנגען צו די יוניאָן.

* * *

דער איצטיגער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענשאַן פון די אייראָפּעאישע שניידער־אַרבייטער איז ניט דער ערשטער, נור שוין דער זעקסטער. דער ערשטער קאָנווענשאַן איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין ציריך, שווייץ, אין 1893, צוואַנציג יאָהר צוריק, גלייכצייטיג מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. די דעלעגאַטען פון שניידער־אַרבייטער־יוניאָנס צום סאָציאַליסטישען קאָנגרעס זיינען אויך געווען די דעלעגאַטען צום שניידער קאָנ־

יעדענליבער קלאָר, אז די פּראַקטישע סיסטעם דערפט טאקע די דייטשע אינדוסטריען אין דארטיגע איצט איבערגעבען די זאָגענאנטע „אינפאנט אינדוסטריעס", גילט דאָ ניט. טראָץ א פּראָטעקשען פון 50 פּראָצענט, ווערען די צאָהל פון שעפסען און די פּראָדוקציאָן פון דייטשע וואָל אלץ קלענער.

דאס אינטערעסאנטעסטע און מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואס אפילו א גאנץ אונבעדייטענדע צאָהל פון ווירקליכע וואָלגראָוערס ווערען רויינירט דורך די אבשאפונג פון די דייטים אויף רויהע וואָל, און דאס אויך בלויז א פּאאר יאָהר ביז זיי וועלען צייט האבען און לערנען, ווי אויסצוביילדען די מערינאָ שעפסען וועלכע זיינען פריהער איינגעפיהרט געוואָרען צוליעב זייער וואָל, אויך אזעלכע שעפסען, וועלכע ווערען יעצט אלץ מעהר איינגעפיהרט צוליעב זייער פלייש. מען וועט בכלל מוזען ענדערען די סיסטעם פון האָדעווען שעפסען אין די יונייטעד סטייטס, ווי מען וועט נור לאָזען אריינפיהרען וואָל פריי פון אנדערע לענדער. די ענדערונג וועט בעשטעהען אין דעם, וואס מען וועט מישען געוויסע סאָרטען שעפסען וועלכע ליפערען גוטע לעמעלעך און שעפסענע פלייש. מען מאכט שוין היינט בעסערע פּראָפיטען דורך האָדעווען שעפסען פאר פלייש, ווי דורך האָדעווען זיי פאר וואָל, און נאך מעהר וועט עס זיין, ווען דער טאריף אויף רויהע וואָל וועט אבגעשאפט ווערען.

די געשרייען פון די וואָלגראָוערס, אז די שעפסען־אינדוסטריע וועט אינגאנצען אונטערגעהן נאך דער אבשאפונג פון דעם אבצאָל אויף רויהע וואָל, זיינען דארום אומבעגרינדעטע און פאלש. מען וועט געוויס ניט אויפהערען צו האָדעווען שעפסען זאָ לאנג מען וועט קענען מאכען פּראָפיטען פון שעפסענע פלייש.

וואס אנבעלאנגט צום טאריף אויף וואָלענע זאכען, וועלען מיר איהם בעטראכטען אן אנדערס מאָל.

דער אינטערנאַציאָנאַלער שניידער-פערבאנד

פון א. ראָזבורי

איזוי ווי אונזער אינטערנעשאנאל יוניאָן האט בעשלאָסען צו שטעלען זיך אין דירעקטע פערבינדונג מיט די אָרגאניזירטע שניידער פון אייראָפּא, וועט זיין אינטערעסאנט צו וואַרפען א בליק אויף דעם אָרגאניזאציאָנס־צושטאנד פון די שניידער־ארבייטער אין איינינע אייראָפּעאישע שטעדט. מען דארף אָבער באלד פון אָנפאנג ערקלערען, אז ניט אין יעדען אייראָפּעאישען צענטער זיינען די שניידער־ארבייטער גענוג גוט אָרגאניזירט צו פיהרען גענויע סטאטיסטיקע אָדער צו געבען ציפערען וועגען זייער לעבען און ארבייט אין די פאבריקען. אפילו ביי אונז דאָ, אין אמעריקא, איז די פראגע פון סטאטיסטיקע געוואָרען א ברענענדיגע פראגע, ערשט די לעצטע צייט, ווען די מאכט פון אונזער אָרגאניזאציאָן האט זיך אנגעהויבען פיהלען. נאטירליך קען פון קיין סטאטיסטיקע קיין רעדע ניט זיין, אזוי לאנג ווי די ארבייטער זיינען ניט אָרגאניזירט. אין מאנכע אייראָפּעאישע שטעדט שטעהען די שניידער־ארבייטער אויף דעמזעלבען שטאנד ווי מיר זיינען געשטאנען מיט עטליכע יאָהרען צוריק.

יוניאָנס גרינדען זיך און געהען אונטער צוליעב פערשידענע עקאָנאָמישע און אנדערע אומשטענדען, איבערהויפּט צווישען די אידישע ארבייטער. מייסטענס איז דאס דערפאר, וואס די אידישע ארבייטער האלטען זיך קיינמאָל ניט פאר שטענדיגע פּראָלעטאריער. היינט, מארגען געהען זיי ארויס פון טרייד און ווערען געשעפטס־לייט. אפילו ווען ער איז א „שניידער בן שניידער" און האט ניט פאר די אויגען קיין געלעגענהייט דעם טרייד צו פערלאָזען, לעבט א „אויס־שטענדיג" מיט האָפענונג... און אויב אזוי, צו וואס־זשע דארף ער די יוניאָן?...

אזא צושטאנד הערשט אין לאָנדאָן, וואו די שניידער־טרייד, און בעזאָנדערס די פערטיגע קליידער אינדוסטריע, האט דערגרייכט א הויכע מדרגה פון ענטוויקלונג. פון דעם בריעף מעמ־לים, וואס איז געוועזען געדרוקט אין לעצטען נומער, איז צו זעהען, אז די דאָרטיגע שניידער־ארבייטער זיינען נאך אלץ ניט אויף דעם גראד צו פאלשטענדיגע אָרגאניזאציאָן. ביידע, אי די מענער־שניידער, אי די דאמסקע שניי־

[illegible] געגענט, ווייל זיי ווייסען, אז מען [illegible] אייגענע פעלדער פאר אקערבוי. אפילו [illegible] רעגירונג פערלאנגט היינט [illegible] פאר לאזען פיטערן בהמות א[illegible] נאציאנאלע וועלדער. נאך מיט א יאהר [illegible] האט מען דארטען ערלויבט צו פאר־[illegible] פריי, היינט אבער פאדערט שוין [illegible] רעפאר פון 10 ביז 14 סענט פער שעפס.

א[illegible] יעדער יערט עס אויך אלץ שווערער־[illegible] בטארעס. צוליעב דעם שטייר־[illegible] מאנגעל אין פיטערונגס־פעלדער מוז [illegible] פיה מיט געקויפטע פראדוקטען, [illegible] אלץ אין פרייז. דער רעזול־[illegible] איז, אז מען מוז שיקען אלץ מעהר [illegible] אין די שלאכט־הייזער, וואו מען בע־[illegible] זיי אויך אלץ העכערע פרייזען.

[illegible] שטייגען די קאסטען פון הארעווען [illegible] רעם, וואס צוליעב דעם מאנגעל אי[illegible] אין גרויסע פיטערונגס־פעלדער קומט עס אויס צו טראנספארטירען די שעפסען מיט'ן אייזענבאהן פון די זומער־ערטער אין די ווינ־טער־ערטער, אנשטאדט וואס פריהער האט מען [illegible] טרייבען אונגעשטערט הונדערטע [illegible] אין ארט אין אן אנדערען אהן בע־[illegible] עקסטרא קאסטען. אויך קומט יעצט [illegible] אפטער ווי פריהער צו גראבען ברונ־[illegible] די ברעגען פון די טייכען ווערען [illegible] אין מעהר פערנומען פון פארמערס.

[illegible] סטאטיסטישע בעריכטען צייגען, אז [illegible] אין די בעסטע נארד־וועסטליכע און [illegible] געגענדען, וואו מען קען נאך [illegible] די בעסטע סארטען וואל־שעפסען (ספע־[illegible]) קאסט אויפצוהאלטען א שעפס [illegible] אין אלע איינגאהמען וואס מען האט [illegible] פער שעפס אין 1910 האבען אנגע־[illegible] $2.[illegible]. דאס איז אייגענטליך א קליי־[illegible], נור די איינקונפט פון וואל פער [illegible] אין דעם זעלבען יאהר געווען $1.17, [illegible] עס איז ווייניגער ווי א העלפט פון אלע [illegible] פון דעם וואל־גראוער. דאס מיינט, [illegible] ווערטער, אז אפילו אין די געגענ־[illegible] עס האלט נאך און ווי עס איז די [illegible] פון הארעווען שעפסען צוליעב [illegible], בעקומט מען אויך א גרעסערע [illegible] ווען מען פערקויפט זיי צום שלאכ־[illegible]

דערצו נאך זיינען די קאסטען פון ארבייט אין די לעצטע 15 יאהר כמעט פערדאבעלט גע־ווארען. די פאסטוכער און וואל־שעהרער בע־קומען היינט פון 30 ביז 50 פראצענט מעהר, ווי מיט א יאהר צעהן צוריק. אויסער דעם דארף מען נאך אנשטעלען מעהר ארבייטער, ווייל די פיטערונגס־פעלדער זיינען מעהר צור־ווארפען און געפינען זיך אין ערטער, צו וועלכע עס איז שווערער צוצוקומען.

צו דיעזע אורזאכען, וועלכע זיינען אלע גע־זעלשאפטליכע, דאס הייסט, זיי שטאמען דער־פון, וואס יונייטעד סטייטס וואקסט אלץ מעהר אין בעפעלקערונג און נויטיגט זיך דארום אלץ מעהר אין פעלדער פאר אקערבוי, דארף מען צורעכענען די נ א ט י ר ל י כ ע, צוליעב וועלכע כמעט גאנץ נארד־אמעריקא איז ניט גינסטיג פאר די פערמעהרונג פון אזעלכע שעפ־סען, וועלכע שטעלען צו אין אנדערע לענדער די בעסטע סארטען וואל. פאר וואס דאס איז אזוי, איז א פראגע, מיט וועלכע מיר קענען זיך דא גאר ניט פערנעהמען. די ערקלערונגען וועלען מיר איבערלאזען צו ספעציאליסטען, און מיר וועלען זיך דא בעגנוגענען מיט דעם בע־קאנטען פאקט, אז דער קלימאט פון די יונייטעד סטייטס איז ניט צוגעפאסט צו דער פיטערונג פון שעפסען מיט פיינע וואל.

ווען מען נעהמט אין אבסטראקט דיעזע אורזאכען,—און עס זיינען פאראן אייניגע אנדע־רע וועלכע מיר מוזען דא לאזען אן א זייט צו־ליעב מאנגעל אין פלאץ — ווערט עס ניט נור פערשטענדליך, ווארום דיזע גאנצע אינדוסטריע פאלט אלץ, טראץ די הויכע אבצאהלונגען אויף אימפארטירטע וואל (אפילו אזעלכע ווי די זאָ־גענאנטע קארפעט־וואל, וועלכע איז קיין מאל ניט פראדוצירט געווארען און קען אייגענטליך ניט פראדוצירט ווערען אין די יונייטעד סטייטס); זאנדערן מוז מען זיך וואונדערען, ווי אזוי די אמעריקאנער נאציאן האט ערלויבט אנצוהאלטען אזא רויבערישען טאריף אין פער־לויף פון יאהרען און זאגאר דורות. אפילו די אויפריכטיגע פראטעקציאניסטען, וועלכע גלוי־בען טאקע אליין, אז נור א דאנק די טאריפען זיינען דאס אזוי שנעל און הויך־ענטוויקעלט גע־ווארען די היימישע אינדוסטריען, זיינען היינט געצוואונגען א מאך צו טהאן מיט דער האנד אויף דיזער קינסטליך־אויפגעהאדעוועטער אינ־דוסטריע, וועלכע שטארבט אלץ אפ. דער גע־

אפשר מערע נאָך ניט רײדען, דורך די אָבשאַפונג פון דעם אבצאָהל אויף רויהע וואָל.

די אורזאַכע דערפון איז איינפאַך, וואָס מען נוצט זיך הײַנט אין די שעפּסען, וועלכע מען האָדעוועט נאָך אין אײניגע סטײטס, אָהן מעהר צוליעב זײער פלײש, ווי צוליעב זײער וואָל. בײַ דעם שטײגענדען יקרות אויף אַלע שפּײַזוואַרג און ספּעציעל אויף פלײש, לוינט עס יעצט בעסער צו האָדעווען אזעלכע שעפּסען, וועלכע שטעלען צו גוטע פלײש, איידער אזעלכע שעפּסען, וועלכע שטעלען צו גוטע וואָל.

אָט איז א קורצער און קלאָרער חשבון: אין די לעצטע צעהן יאהר איז די צאָהל פון שעפּסען אין יונײַטעד סטײטס פ ע ר ק ל ע נ ע ר ט געוואָרען פון 63 אויף 51 מיליאָן, אבער דער װ ע ר ט ה פון די סטאַדעס שעפּסען איז הײַנט מיט 25 מיליאָן דאָלאַר ג ר ע ס ע ר ווי אין 1900. אזוי ווי דער אבצאָהל אויף רויהע וואָל בלײַבט דערזעלבער (אונגעפעהר 50 פּראָצענט) אין פערלויף פון א לענגערע צאָהל יאָהרען, מוז דאָך דיעזע העכערונג אין די פּרײַזען פון שעפּסען קומען פון אנדערע אורזאַכען.

מען דאַרף ניט לאַנג זוכען דיזע אורזאַכען. זײ זײַנען די זעלבע, וועלכע האָבען געהעכערט די פּרײַזען פון אַלע סאָרטען פלײש און פון אַלע אַקערבוי־פּראָדוקטען און רויהע מאַטעריאַלען בכלל. שעפּסען ווערען טהייערער, ווײַל עס קאָסט מעהר זײ צו פיטערן פונקט ווי דאָס איז דער פאַל מיט אָקסען און מיט אַלע אנדערע שלאַכט־טהיערע.

אָבער דאָ בעט זיך אַן אנדער פראַגע, וועלכע עס איז שווער ניט אזוי לײַכט קורץ און שאַרף צו פערענטפערען. דאָס איז א קלאָץ־קשיא, נעמליך: וואָרום ווערט די צאָהל פון שעפּסען אַלץ קלענער ט ר אָ ץ ד ע ם ה ו י כ ע ן ט אַ ר י ף? דער אבצאָהל אויף אזעלכע אימפּאָרטירטע וואָל, פון וועלכע מען מאַכט טוך, איז פון 11 ביז 12 סענט פער פונט. דאָס איז איינפאַך א רויבערישער טאַריף צו גונסטען פון די וואָל־גראָוערס. מיט אזא פּראָטעקשאָן האָבען זײ בעדאַרפט קענען ניט נור קאָנקורירען מיט אירגענד וועלכע אויסלענדישע וואָל, זאָנדערן פשוט פערנעהמען דעם גאַנצען הײמישען מאַרקעט. גענויע און פערטרויענסווירדיגע סטאַטיסטישע רעכנונגען וועגען די פּראָדוקציאָן פון וואָל אין יונײַטעד סטײטס צייגען אָבער א שטענדיגע פ ע ר ק ל ע נ ע ר ו נ ג. מען מוז אַלץ מעהר אימפּאָרטירען וואָל פון אויסלאַנד (מײַסטענס פון אויסטראַליען און זידאַפריקאַ) ניט נור צוליעב דעם, וואָס די פאַבריקאַציאָן פון טוך און פון אַלערליי וואָלענע זאַכען שטײַגט אין אַמעריקאַ, זאָנדערן אויך צוליעב דעם וואָס הײמישע וואָל קריעגט מען אַלץ ווענינער אין די לעצטע יאָהרען.

איך וויל ניט בעלעסטיגען דעם לעזער מיט א סך ציפער, און אגב איז דער פּלאַץ פאַר א אַרטיקעל א בעשרענקטער. איך וועל דאַרום נור איבערגעבען אײניגע אונטערשטע שורות. די דורכשניטליכע יעהרליכע פּראָדוקציאָן פון רויהע וואָל אין יונײַטעד סטײטס אין די פינף יאָהר וואָס האָבען זיך געענדיגט אין 1910, איז געווען 311½ מיליאָן פונט, וואָס דאָס איז מיט 4 מיליאָן פונט ו ו ע נ י ג ע ר ווי די דורכשניטליכע יעהרליכע וואָל־פּראָדוקציאָן מיט א פערטעל יאָהרהונדערט פריהער. אונגעפעהר צ ו ו ײ ־ פ י נ פ ט ע ל פון דעם וואָל, וואָס ווערט פערברויכט אין יונײַטעד סטײטס, קומט שוין הײַנט פון אויסלאַנד, און עס וועט ניט לאַנג נעהמען, ביז די אימפּאָרטאַציאָן פון וואָל וועט א י ב ע ר ש ט ײ ג ע ן די הײמישע וואָל טראָץ אַלע מעגליכע טאַריפען.

* * *

מיט וואָס ערקלערט זיך אזא זאָנדערבאַרע זאַך? וואָס פערורזאַכט דיעזע מערקווירדיגע פערקלענערונג פון א פּראָדוקציאָן, וועלכע איז אזוי הויך פּראָטעקטירט?

עקספּערטען ווייזען אָן אויף א רייהע אורזאַכען, אָבער מיר וועלען זיך דאָ בעגנוגענען מיט פאָלגענדע:

ערשטענס, ווערט עס אַלץ ענגער אפילו אין די ווייטע וועסטליכע סטייטס פאַר פיה־פיטערונג בכלל. פעלדער ווערען אַלץ טהייערער. די געגענדען וועלכע מען פלעגט פריהער פערנעהמען צו פיטערן בהמות און וועלכע האָבען אַם בעסטען געטויגט פאַר דיעזען צוועק, ווערען אַלץ ווייטער בעזעצט פון פאַרמערס. עס קומט אוים צו זוכען פיטערונגס־ערטער אַלץ ווייטער און העכער צווישען די בערג, וואָס עס איז א שטערונג ניט נור פאַר די פאַרמעהרונג פון די סטאַדעס, זאָנדערן, וואָס עס פערגרעסערט אויך בעדייטענד די קאָסטען פון פיטערונג אין אַלגעמיין. די איינגענטהימער פון פיטערונגס־פעלדער פערלאַנגען מיט יעדע

[illegible] פּאַר ניעדריגערע טאַריפען ; [illegible] פּאַרטייען האָבען זעהר שטאַרק אין [illegible] פּאַר אַלין די אינטערעסען פון די [illegible]; ביידע זאָרגען גלייך צו [illegible] די פאַבריקאַנטען געגען די אויסלענ־[illegible].

[illegible] אַרטיקלען זיינען אַזוי פּראָטעקטעד [illegible] טאַריפען, אַז וויפיעל מען זאָל ניט [illegible] יעצט פון די אָבצאָהלונגען, ווע־[illegible] מאַנופעקטשורערס נאָך אַלין מאַכען זעהר [illegible]. די דעמאָקראַטען האָבען, ווי [illegible] מורא צו שטעלען אויף דער פרייער [illegible] נור אַזעלכע אַרטיקלען, וועלכע מען [illegible] שוין דאָ אָדער מען קען גאַנץ לייכט [illegible] דאָ אַזוי ביליג, ווי אַפילו אין ענג־[illegible] מען האַלט אויס די קאָנקורענץ פון [illegible] וועלט, זאָנדערן אויך אַזעלכע אַר־[illegible] מען עקספּאָרטירט פון דאַנען [illegible] צו קאָנקורירען דאָרטען אויף די [illegible]. עס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע, אַז [illegible] קאָנקורענץ לאָזט זיך אַלין [illegible] פיהלען אין דער אַלטער וועלט, געגען [illegible] מיר האָבען זיך דאָ אַרומגעצאַמט מיט [illegible] הויכע טאַריף־ווענט.

[illegible] די מאַנופעקטשורערס קעמפּפען אַלין מיט [illegible] געגען איינגענע וועלכע פערקלענערונ־[illegible] די אָבצאָהלונגען אויף זייערע אַרטיקלען. [illegible] איינע די אַנדערע ווי נור מעגליך, [illegible] דאָס פאָלק זאָל ניט ליידען דורך דעם, [illegible] יקרות זאָל ניט שטייגען. מאַנכע [illegible] אָבצאָהלונגען זיינען איינפאַך א [illegible]. די „פּראָטעקשאַן" איז אָפט א פער־[illegible] צו רייסען ביים פאָלק וואָס העכערע [illegible] פאַר אַרטיקלען, וועלכע מען פערקויפט [illegible] ביליגער־אין דער פרעמד, טראָצדעם [illegible] טראַנספּאָרט קאָסט דאָך עפּעס אויך.

* * *

[illegible] בעסטען און קלאָרסטען ביישפּיעל פון [illegible] א רויבערישען טאַריף ליעפערט אונז די [illegible]", וועגען וועלכע מען רייסט זיך [illegible] בעזאָנדערס שטאַרק אין קאָנגרעס. [illegible] פון שעפּסען מאַכען געוואַלדען [illegible], אַז מען רואינירט זיי פשוט דער־[illegible] מען שאַפט אָב דעם אָבצאָהל אויף [illegible] פערניכטעט מען, שרייען זיי, [illegible] א זעהר וויכטיגע אינדוסטריע, וואָס עס [illegible] אַזוי פיעל צייט, מיה און געלד איינצופיהרען, זאָנדערן מען ברענגט אויף שאַדען די פאַרמערס און דעם אַקערבוי בכלל. מיט אַזעלכע געשרייען פלעגען זיי טאַקע אויספיהרען ביי אַלע פריהערע רעוויזשאַנס פון די טאַריפען, אַז מען זאָל ווייטער אָנהאַלטען דעם אַלטען הויכען אָבצאָהל אויף רויהע וואָל. דיעזער אָבצאָהל איז געווען דער אָנפאַנג פון דעם גאַנצען וואָל־טאַריף, וועלכער איז געוואָרען דאָס העכסטע קונסטווערק פון די פּראָטעקציאָניסטען אין יונייטעד סטייטס.

די מאַנופעקטשורערס פון טוך און איבער־הויפּט פון וואָלענע זאַכען וואָלטען, נאַטירליך, געווען זעהר צופריעדען, ווען זיי וואָלטען גע־קענט בעקומען וואָל פון אויסלאַנד פריי. זייער אינטערעס איז דאָך, פערשטעהט זיך, צו האָבען רויהע מאַטעריאַלען אָהן שום טאַריפען. אָבער פאַקטיש האָבען זיי געשטיצט אויך אַן אָבצאָהל אויף רויהע וואָל. זיי זיינען געצוואונגען געווען דאָס צו טהאָן, אום צו האָבען די שטיצע פון די איינגענטהימער פון שעפּסען פאַר די הויכע טאַ־ריפען אויף זייערע פּראָדוקטען—אַלערליי וואָ־לענע אַרטיקלען. איין האַנד האָט דאָ געוואַשען די אַנדערע, ווי בכלל אין דער גאַנצער פּראָטעקטיוו סיסטעם. פון זייער זייט האָבען די מאַנו־פעקטשורערס פון וואָלענע זאַכען אַרונטער־געשלונגען דעם טאַריף אויף רויהע וואָל, אַבי זיי האָבען געקענט אויספיהרען, אַז מען זאָל אַרויפלעגען וואָס העכערע אָבצאָהלונגען אויף אימפּאָרטירטע טוכוואַרג, אויף יעדער זאַך וואָס ענטהאַלט נור אין זיך עפּעס וואָל. וואָס־אַנ־בעלאַנגט די וואָל־גראָוערס (אַזוי רופט מען אין ענגליש די יעניגע וואָס האָדעווען שעפּסען צו־ליעב וואָל), האָבען זיי אַרונטערגעשלונגען הויכע טאַריפען אויף וואָלענע זאַכען, אַבי נור זיי האָבען אַרויסגעריסען אַן אָבצאָהל אויף זייער וואָל. אַזוי איז עס אויסגעאַרבייט געוואָרען די בעריהמטע „סקעדיול קעי" אויף דעם רעכענונג פון גאַנצען פאָלק, וואָס איז געצוואונגען צו צאָה־לען הויכע פרייזען אַפילו פאַר די ערגסטע סאָר־טען טוך, פאַר שאָדדי, איינפאַך פאַר קאַטטאָן מיט א שפּור וואָל.

היינט בעדענקט, ווי גרויס עס איז דער שווינדעל און פשוט די רויבעריי מיט דעם דאָזי־גען טאַריף, ווען אין דער ווירקליכקייט וועלען אַפילו די קליינע צאָהל פון די ווירקליכע וואָל־גראָוערס אין יונייטעד סטייטס גאַנץ וועניג, און

דער טאַריף אויף רויע וואָל

א מיסטער פון שוינדעל אין רויב אין נאָמען פון פראָטעקשאָן.

פון פיליפּ קראַנץ

ווי עס ווערט איצט, וועט שוין באלד קומען א סוף אויך צום טאריף אויף רויהע וואָל, וועלכער ווערט גערעכנט, און מיט רעכט, פאר דעם זייל, אויף וועלכען עס האָבען זיך געהאלטען די רויבע ווענט פון אלע פּראָטעקטיווע טאריפען אין יונייטעד סטייטס. אין דער האוז אָוו רעפּרעזענטאטיווס האָט מען שוין אָנגענומען דעם נייעם טאריף, דעם זאָגענאנטען אַנדערוואוד טאריף (נאָך דעם נאָמען פון קאָנגרעסמאַן אַנדערוואוד, דעם פיהרער פון דער דעמאָקראטישער מאַיאָריטעט דאָרטען) במעט אָהן שום ענדערונגען, אָט אזוי ווי פּרעזידענט ווילסאָן האָט עס פערלאנגט; און אין סענאט וועט עס, העכסט־וואהרשיינליך, אויך אזוי אנגענומען ווערען. די דעמאָקראטישע פּארטיי איז געצוואונגען צו האלטען איהר וואָרט און אויסצופיהרען וועניגסטענס דעם פונקט פון איהר פּלאַטפאָרם וועגען א רעווידירונג פון דעם טאריף אַ ר ו נ ט ע ר, דאָס הייסט טאַקע ווירקליך צו פערקלענערען די דיוטיס אָבער אָבצאָהלען אויף אימפּאָרטירטע סחורות.

נור דאָ וועל איך דערווייל לאָזען אָן א זייט די דעמאָקראטען מיט זייער פּלאַטפאָרם און פּרעזידענט און בכלל די פּאָליטישע זייט פון דעם שטענדיגען טאריף־קאַמפּף די וויכטיגסטע „אישו" אין דעם פּאָליטישען לעבען פון אונזער מיט זייער פּראָטעקשאָן „געבענטשטער" רעפּובליק און וועל זיך אָבשטעלען בלויז אויף דעם וואָל־טאריף.

דאָס איז דאָך, ווי געזאָגט, דער זייל פון דער גאנצער ביז־יעצטיגער פּראָטעקטיווער סיסטעם. דער אָבצאָהל אויף וואָל איז אזוי אלט ווי דער טאריף בכלל אין יונייטעד סטייטס. קיין אנדער טהייל פון די אלגעמיינע טאריף־בילס איז ניט אזוי שטארק, שארף און ביטער אטאקירט געוואָרען פון די דעמאָקראטען און פון אלע געגנער פון דער פּראָטעקטיוו סיסטעם, ווי די בעריהמטע „סקעדיול קעי" (Schedule K) וואו עס זיינען אויסגערעכנט אלע אָבצאָהלונגען אויף רויהע וואָל און אויף אלערליי וואָלענע זאַכען, און קיין אנדער טהייל איז ניט אזוי שטארק אין היים פערטהיידיגט געוואָרען פון די רעפּובליקאנער און פון אלע פּראָטעקציאָניסטען, ווי די דאָזיגע „סקעדיול קעי". פון אלע זייטען האָט מען פערזיכערט, אז ווי נור מען וועט אָבשאַפען דעם אָבצאָהל אויף וואָל וועט צופאלען ווערען די גאנצע פּראָטעקטיווע געביידע, וועלכע די רעפּובליקאנער פּארטיי האָט מיט אזוי פיעל מאַטעריאלען צוזאמענגעשטעלט.

עס קומט אָבער די צייט, ווען רויהע וואָל וועט קענען אריינגעפיהרט ווערען פריי, אָהן שום אָבצאָהל, און ווען וואָלענע זאכען וועלען ניט זיין בעלאָדען מיט אזעלכע הויכע טאריפען, ווי ביז יעצט, און דאָך וועלען מיר נאָך אלץ בלייבען ארומגערינגעלט מיט זעהר הויכע פּראָטעקטיווע ווענט, פיעל העכערע ווי אין אירגענד וועלכער אנדערער אינדוסטריעלער מדינה אין דער וועלט. ווער ווייסט ווי לאנג עס וועט נאָך געהמען ביז די פּראָטעקטיווע סיסטעם, וועלכע איז אזוי אלט ווי יונייטעד סטייטס, וועט טאַקע אין גאנצען אויפהערען און עס וועט איינגעפיהרט ווערען פריי־טרייד, אזא פרייער האנדעל ווי אין ענגלאנד און אפילו ווי אין האָלאנד. דער עולם גלייבט נאָך דאָ אלץ באמונה שלמה אין פּראָטעקשאָן. מען האָט אזוי שטארק איינגערעדט אלע קלאסען פון פאָלק, די קליינע הענדלער אזוי ווי די פארמערס און ארבייטער, דאָס אָהן טאריפען וועלען דאָ די אינדוסטריען פשוט אונטערגעהן, אז אפילו דעמאָקראטען, וועלכע שטורמען אזוי איינער קעגען דעם רעפּובליקאנער טאריף, האָבען דאָך מורא פאר פרי טרייד.

דער אונטערשיעד צווישען די רעפּובליקאנער און דעמאָקראטען מכח דעם טאריף בכלל איז נאָר אין דער מ אָ ס פון די אָבצאָהלונגען אויף אימפּאָרטירטע סחורות. די רעפּובליקאנער זיינען ווי בעוואוסט, פאר העכערע טאריפען און די

[illegible] אזא נפש ווי לובין, וועלכער איז
[illegible] צו טאָן פאר א גוטען פרייז. יע־
[illegible] מיט פערשיעדענע מיטלען זיך
[illegible] ניטע פריינד צווישען די סטריי־
[illegible] האט איהם אויסגעשטעלט אן
[illegible] אין דאן האט זיך אנגעפאנגען די
[illegible] ארבייט.

[illegible] ארבעטע מעטאָדע פון פיקעטען האט שוין
[illegible] פאר זייער צוועק, האט מען אנגע־
[illegible] פראַנגייען געוואלד־טהאטען. נאכהער
[illegible] שטארק צופייקט געוואָרען אין די
[illegible] ערקלערונגען אין שווער בעצאהל־
[illegible] מענטס, אז דאס פובליקום איז
[illegible] געוואָרען. עס זיינען שוין פון דער
[illegible] די גערעכטע פאָדערונגען און
[illegible] פון ארמיטה און נויטה פון די
[illegible] זייער האט שוין דאן געקענט דענ־
[illegible] עס האט זיך גאָר געהאנדעלט וועג־
[illegible] מערדער, רויבער און אונטערציי־
[illegible] האבען געמאכט א פערשווערונג צו
[illegible] גרעסטען טרייד פון קליוולאנד,
[illegible] דורך דיעזען וועג האבען
[illegible] די עפענטליכע מיינונג,
[illegible] שוין אהן איבעריגע שוועריגקיי־
[illegible] דריקען די אויסגעהונגערטע סטריי־
[illegible] צו ענדע.

[illegible] לעצטען טרייעל האבען די מאַ־
[illegible] געוואָלט דערשפּיעלען דעם לעצ־
[illegible] פון זייער שמוציגער ארבייט, נור דאָ
[illegible] זיך געבעך אויסגעגליטשט. א דאנק
[illegible] פון דער יוניאָן, ל. קאטץ, י.
[illegible] נאך אנדערע געטרייע מעמבערס,
[illegible] האבען געהאָלפען דער אנקלאגע אין צו־
[illegible] די נויטיגע בעווייזע, האט זיך גאָר
[illegible] ביטואציאָן אומגעביטען. אנשטאָט
[illegible] מאַניפעקטשורערס זיינען פריהער גע־
[illegible] ווייל זיי האבען צוגעזאָגט א
[illegible] פון 1000 דאָלאר פאר דעם יעניגען,
[illegible] ברענגען געלבמאַן'ס מערדער צום גע־
[illegible] זיינען זיי גאָר געוואָרען די אנגעקלאָגטע.
[illegible] איז געווען זייער ארבייט ארויפצו־
[illegible] אויף דער יוניאָן. עס האבען
[illegible] ניט געהאָלפען די 4 גרעסטע קליוו־
[illegible] איערס, וועלכע האבען פערטהיידיגט
[illegible]

[illegible] איז ערקלערט געוואָרען שולדיג, און
[illegible] אויך די, פאר וועמען ער האט זיין
[illegible] געווייסעט. און יעצט שטעהען די מאַ־
ניפעקטשורערס — דיזעלבע העררען, וועלכע
שפּיעלען אין שטאָדט א ראָללע אלס אנגעזעהענע
בירגער, פילאנטראָפּען און כלל־טהוער — יעצט
שטעהען זיי פאר דער וועלט אין זייער ריכטיגען
געשטאלט. עס איז גענוג קלאָר בעוויזען געוואָ־
רען, אז אלע מערדערייען און בלוטפערגיסונגען
זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען דורך זייער גע־
דונגענעם אגענט, לובין. זיי זיינען יעצט גע־
שטעמפּעלט געוואָרען אלס די מערדער און פערד־
לימדער, ביי וועלכע מענשליכע לעבענס פער־
לירען זייער ווערטה צוליעב דעם קלאנג פון גאָלד.

וואָס אנבעלאַנגט אונז, די קליוולאנדער
קלאָוקמייקערס און דער אינטערנעשאָנאל
יוניאָן, האָבען מיר דורך דיעזען טרייעל זעהר
פיעל ערוואָרבען. דער געווינס בעשטעהט ניט
הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס מיר זיינען ריינגע־
וואַשען געוואָרען פון א פערברעכען, נור אויך
אינ'ם לעסאָן, וואָס וועט אונז געוויס צוניץ קו־
מען אין אונזערע ווייטערע קעמפּפע. דער
סטרייק מיט זיינע אלע גוטע און שלעכטע זיי־
טען האט געהאט א גרויסען אונפערצייהליכען
פעהלער און דאָס איז (ווי זאָנדערבאר עס זאָל
ניט קלינגען) די צופיעל דעמאָ־
קראַטיע, די „מאבדרוללל”. לובין איז
קיינמאָל און פון קיינעם ניט ערוועהלט געוואָרען
אין דער פיקעט־קאָמיטע. ער האט זיך דאָרט
אריינגעשטופּט דורך די שתדלנות פון זיינע גוטע
פריינד, וועלכע ער האט זיך איינגעקויפט. ער
האט זיך אזוי ארומגעפלאָכטען מיט א קייט פון
פריינד, דאָס ער איז געווען פאַלקאָם זיכער מיט
זיין פּאָסטען. זיין צו גרויסע טהעטיגקייט
האט זיך געוואָרפען אין די אויגען און די פיה־
רער, ספּעציעל מר. פאיט, האָבען ניט איינמאָהל
געוואָרענט מען זאָל צופיעל ניט אַנטרויען לו־
בינ'ען, און עס האט ניט געהאָלפען. און ווען
לובין האט דורך טערראָר אָבגעבראָכען א מענלי־
כען סעטעלמענט מיט די לאַנדעסמאַן הירשהיי־
מער קאָ., און אינדעפענדענט שאָפּ, וואָס דאָס
האט פיעלע מעמבערס פון דער סטרייק־קאָמיטע
ענטריסטעט געגען איהם, און א פערזוך איז גע־
מאכט געוואָרען ביי מר. פאיט לובינ'ען ארויסצו־
שטופּען, האָבען זיך דאן זיינע פריינד, מעהר־
סטענס גוטע, געטרייע יוניאָן מעמבערס, גע־
שטעלט אויף זיין זייט און ניט געלאָזען, אז אויף
איהם זאָל חלילה א שפּרינקעלע פאַלען. אָט דיזע
פאַלשע דעמאָקראַטיע האט מיטגעהאָלפען, דאָס
לובין זאָל דערשפּיעלען זיין פינסטערע ראָללע
ביז צו ענדע.

דער לובין פראָצעס אין קליוולאנד

פון „אב. יעקב"

מיט איינינע יאָרען צוריק איז אין קליוולאנד פאָרגעקומען א פראָצעס וואָס האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלע קלאסען מענשען. אפיציעל האָט עס געהייסען, אז מען מישפט איינעם, א געוויסען לובין, דערפאר וואָס ער האָט אנטהייל גענומען אין דער פערשווערונג געגען א סטרייקער מיט'ן נאָמען מאָריס נערבמאן, וועלכער האָט געפלאנעוועט צו געהן ברעכען אין דער צייט פון קליוולאנדער קלאָוקמייקער סטרייק און האָט דערפאר בעצאָהלט מיט זיין לעבען. אונאָפיציעל, פאר'ן פובליק אבער, האָט דיזער טרייעל געדארפט קלאָר מאכען ווער עס איז געווען פעראנטוואָרטליך פאר אלע געוואלד־טהאטען, וועלכע זיינען בעגאנגען געוואָרען דורך דעם סטרייק: די יוניאָן, אָדער די מאנופעקטשורערס אססאָסיאיישאן. און גלייך פון דעם ערשטען טאָג פון טרייעל, איז פאר דער וועלט בעקאנט געוואָרען שטוינענדע פאקטען איבער דער שמוציגער ראָלע, וואָס די קליוולאנדער מאנופעקטשורערס האָבען געשפיעלט דורך דער צייט פון סטרייק.

עס איז נעמליך בעוויזען געוואָרען, אז לובין, וועלכער איז געווען אן דער שפיצע פון דער פיקעט־קאָמיטע און איז פאקטיש געווען פעראנטוואָרטליך פאר אלע געוואלט־טהאטען, איז אין דער שטיל געווען אן אגענט פון „די קליוולאנד קלאָוק און סוט מאנופעקטשורערס אסס"ן, וועלכע האָבען איהם געצאָהלט (ווי לובין אליין האָט צוגעגעבען איפ'ן סטענד) 10 דאָלאר א טאָג און עקספענסעס. נאָך א שטארקערע ליכט פאלט אויף דער אפערע, ווען מיר נעהמען זיך עראינערען דעם פאקט, דאָס יעדען מאָל, ווען א געוואלד־טהאט איז בעגאנגען געוואָרען, זיינען גלייך אויף מאָרגען די מאנופעקטשורערס ארויסגעקומען מיט גרויסע ערקלערונגען און אדווערטייזמענטס אין די צייטונגען, דאָס זיי וועלען געבען אזא און אזא בעלוינונג צו דעם יעניגען, וואָס וועט ברענגען צום געריכט די שולדיגע אין דער אָדער יענער פאסירונג.

אלזאָ, האָבענדיג אן איינעם אגענט אן דער שפיצע, וועלכער פלעגט אליין אויסשטעלען רעוואָלווערס, „בלעקדזשעקס" און נאָך אזעלכע אינסטרומענטען; פלעגט אויספלאנעווען דעם „דזשאב" און שיקען מענשען זיי אויספיהרען; האָבען דען די מאנופעקטשורערס אליין ניט געוואוסט, ווער עס זיינען געווען די שולדיגע? צו וואָס האָבען זיי דען געדארפט ספענדען אזוי פיעל טויזענדער אויף אדווערטייזמענטס און צוזאָגען אזעלכע גרויסע בעלוינונגען?

אויף דיזער פראגע איז לייכט צו קריגען אן ענטפער, ווען מען ווארפט נור א בליק אויף דעם געוועזענעם סטרייק. עס איז איבעריג צו וויעדערהאָלען די אורזאכען וואָס האָט דעם סטרייק ארויסגערופען; עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען בלויז דעם פאקט, דאָס די קלאָוק מאנופעקטשורערס זיינען געוועזן זעהר איבער־ראשט צו זעהען ווי אין איין טאָג זיינען אלע פעקטאָריעס אויסגעליידיגט געוואָרען. זיי האָבען זיך נאָך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז זייערע שקלאפען, וועלכע זיי האָבען געהאלטען אין איינרעדען, אז זיי זיינען די גליקליכסטע אין דער וועלט, זאָלען נאָך מיט אמאָל דערלאנגען פאָדערונגען, און דערנאָך ארויסגעהן אין סטרייק ווי איין מאן. און דאָ זיינען נאָך די פאָדערונגען געוועזן אזוינע מילדע, אזוינע גערעכטע, דאָס עס איז געווען א שאנדע ארויסצוגעהן אין דער עפענטליכקייט און ערקלערען, אז די סטרייקערס פערלאנגען צופיעל. דאָס האָט זיי געבראכט צו א קריטישער לאגע: פון איין זייט די סימפאטהיע פון פובליקום מיט די סטרייקערס, פון דער צווייטער זייט די מורא, אז די אנגערייצטע דאָלארס וועלען האלטען אין איין אוועקשווימען פון זיי, אין פאל זיי וועלען נאָכגעבען די פאָדערונגען. אין דעם מאָמענט האָבען זיי זיך גענומען צו דעם מיטעל, וואָס ווערט אזוי אָפט בענוצט ביי די נייטשאנאל מאנופעקטשורערס אסס"ן, פון וועלכע די קליוולאנדער זיינען א טהייל, נעמליך: שיטען דעם עולם זאמד אין די אויגען, פערבלענדען איהם אזוי, אז ער זאָל קיין זאך ניט זעהען אין זיין ריכטונג פאָרויס, און דאן וועלען זיי קענען טהאָן אלץ וואָס דאָס הארץ גלוסט. און אזוי איז עס טאַקע געווען.

צוערשט האָט מען אריינגעשטופט אין דער

־ען אינספעקטארס און עס איז דא סך הכל [illegible] האט דער באס, אלזא, געקענט אונגע־שטערט ברעכען דאס געזעץ, ביז איינער פון די אינטערנעשאנאל ארגאניזערס האט די זאך רע־פארטירט צום הויפט פעקטארי אינספעקטאר. ווען דאריבער איז געקומען אן אינספעקטאר איז האט די מיידעלע נעפונען אין שאפ נאך 6, אבער ניט ביי דער ארבייט. דער באס האט גע־שוואוירען מיט אלע שבועות, אז זי איז זיינע אן איינענע און אז זי איז ערשט געקומען פון זיין הויז מיט א שליחות. דער אינספעקטאר האט דעם באס געווארענט. וואס האט ער געקענט מער טאן? אמת, דאס קינד האט מעהר אין שאפ ניט געארבייט. זי האט אבער גע־טראגען א סך פערשידענע ארבייט אהיים, אבי פארדינען דעם דאלאר א וואך ניט צו פערלירען.

אט איז נאך א פאל פון א שעהנע מיידעל מיט פעך־שווארצע האר, אלאבאסטער־ווייס גע־זיכט, שווארצע, ברענענדיגע אויגען מיט לאנגע ברעמען. הייסען הייסט זי דזשאמילא. דזשא־מילא ארבייט א גאנצען טאג, ביז זעקס אין איין שאפ, פאר 5 דאלאר א וואך און דאן נעהמט זי אין א שאפ אין דעם נעבסטען בלאק מאכען „אווער־טיים" ביז 8. אין דעם ערשטען שאפ האט א סאניטאר אינספעקטאר געצוואונגען דעם באס איינצושטעלען אן עלעקטרישען „פען" דעם שאפ צו לופטינען. אבער אזוי ווי מען האט יעדען ארבייטער דערפאר גערעכענט 5 סענט א טאג, האבען זיי אלע איינשטימיג בע־שלאסען נעגען דעם „פען".

ווינטער איז אין יענעם שאפ ניטא קיין „סטים היעט". כאפט דזשאמילא אפטמאהל א שווערען קאטאר און ווערט קראנק אויף עט־ליכע וואכען. איצטער, אין די סלעק־צייט, איז איהר גרעסטע דאגה וואס זי קען זיך ניט פערגי־נען אויף קארפער נאך קוני איילאנד א מאהל אין א זונטאג. דארף דען א 19 יעהריגע מיי־דעל אבשווארצען איהרע יונגע יאהרען אין סוועט־שאפ און א ארימע וואוינונג אויף עללען סטריט ביז דעם גראען צאפ? טראכט זיך דזשאמילא. אבער אזוינע מיידעלישע חלומות וואלטען צושטערט אלע געשעפטס־פלענער פון איהר באס און פערמינדערען זיין פראפיט.

אין אנאנדער טענעמענט הויז זיצט אן על־טערע פרוי ביים בעט פון א גוסס'ע מיידעל, וואס האט איהר לעבען פערצעהרט אין שאפ. איהרע אויגען זיינען טונקעל געווארען פון יאה־רען־לאנגען ווייגען. דא, אין א פינסטערע רומ־קע אויפ'ן דריטען פלאר, נעהמט זי מיט איהר שטערבענדער מיידעל'ס נאדעל פיניישען שעהן־פאליערטע קימאנאס, כדי צו פערדיענען אויף דער מיידעל'ס תכריכים.

יעדער ווייסט, ווי שווער עס איז אזוינע שעפער צו ארגאניזירען. אבער די ראפפער און קימאנא מייקערס יוניאן לאקאל 41 שלאפט ניט. דעם לאקאל איז איצט געלונגען צו בעקומען די הילף פון'ם סטייט פעקטארי דעפארטמענט און מען לאזט דיזען פינסטערען געגענד פון אויג ניט ארויס. איינינע עללען סטריטער מאנופעק־טשורערס זיינען שוין אריין אין דער אסאסיאיי־שען און געקומען אונטער יוניאן קאנטראל. די יוניאן האט א סך פון דיזע מיידעלעך ארויסגע־האלפען פון זייער פערצווייפעלטער לאגע, דארט וואו די מיידעלעך אליין האבען איינגעווילינט דערצו. די יוניאן קלעהרט אויף דיזע עללען־סטריטער שקלאפען, רופט שאפ־מיטינגס און לערענט זיי ווי צו קעמפפען פאר זייערע רעכטע. ביסלעכווייז הויבען זיי אן בעגרייפען, אז די יוניאן איז זייער איינציגע האפענונג און דארט, וואו דער איינפלוס פון דער יוניאן דרינגט איין, מוז דער שקלאפענטרייבער פערשווינדען.

פאבריק אין קאניטאר אינספעקטאר. די גאנצע
נאכט װערט פריציס איבערגעלעבט, װען עס דער־
הערט זיך דער מינדסטער שריט, אז עטליכע
בראר אריבצי האט אימיצער געזעהן אן
אינספעקטאר. דער קימאנא באס װערט שרעק־
ליך בייז און ראמט צו דעם מיידעל שאפ אויף
איא איבן. דאס דער אינספעקטאר קען איהם ביי
קיין עבירה ניט כאפען. זעהטענדיג מען כאפט
איהם ברעכען דאס געזעץ. און װען יא, איז
ער אויך ניט ברויה. איבער ער דארף שטראף
צאהלען, נעהמט ער זיך שוין אב בכפל כפלים
פון די נערין, װאס ער רעכענט די ארבייטער אב
פאר די מאשין פעררייכטען אדער װאסער צום
טרינקען. יעדענפאלס קיינט איהם בעסער
שטראף צאהלען, איידער איינפיהרען בעסערע
ארבייטס־בעדינגונגען.

איינינע בייספיעלע פון פאסירונגען גענו־
מען פון װירקליכען לעבען װעלען בעשטעטיגען
די איבענדערמאנטע פאקטען.

אין א שאפ װאס בעלאנגט צו איינעם פון
די ערענסטעסטער אריסטאקראטען אין דער קי־
מאנא־טרייד, ארבייט א 17־יעהריגע, שעהנע,
שפאניש־אידישע מיידעל, נאמענס ע. ס. זי
האט שוין איינגעצאהלט 28 דאלאר אויף איהר
מאשין און חוץ דעם האבט איהר יעדע װאך פון
60 סענט ביז 2 דאלאר די מאשין פעררייכטען,
אזא שברר ביי איז דאס. ע. ס. קריגט 2 סענט
פאר מאכען „ביעכס" אין א דיצענד קורצע קי־
מאנאס. כדי אויסצוארבייטען כאטש עטליכע
דאלאר, (היינט װאס זי דארף אויסצאהלען פאר
דער מאשין און אנדערע זאכען), שטרענגט זי אן
יעדען נערװ איהרען, אזוי לאנג װי די מאשין
נערט, און יאגט פון זיך די נשמה, ביז עס
הויבט איהר אן לייפען בלוט פון נאז און זי מוז
אויפהערען. מאנכעמאהל איז עס אזא ביליגע
ארבייט, אז אפילו װען זי יאגט מיט אלע כחות,
קען זי קיין 60 סענט א טאג ניט אויסארבייטען.
איינמאהל האט זי זיך בעקלאגט, האט איהר דער
באס הערפאר גלייך אויסגעשיקט.

נאכדעם װי זי האט פערבראכט א טאג אין
דער היים און געהאלטען אין איין װיינען, האט
זי זיך מיישב געװען, אז װיינען העלפט ניט און
האט בעשלאסען צו פערבייגען איהר שטאלץ און
געקומען מיט אראבגעלאזענע אויגען בעטען מען
זאל איהר צוריק ארויפנעהמען צו איהר גע־
װעהנליכע שקלאפעריי. דאס האט זי געצאהלט
דבייגער און געדערענט, אז אין אזא געשעפט
מיז מען ליידען און שװייגען.

נעבען איהר, אין דעם זעלבען שאפ, זיצט
א קליינע, יונגע מיידעל, װאס האט לעצטענס
נעמוזט געהען ארבייטען, װייל איהר עלטערע
שװעסטער איז קראנק געװארען און האט אי־
מעהר ניט געקענט אויפהאלטען. זי איז נאך
כמעט א קינד, אבער זי געהט שוין איינגעבויי־
גען. איהרע אויגען זיינען קאליע געװארען פון
דעם שיין, װאס די גאז־ליכט װארפט אויף דער
גייענדער נאדעל און זי מוז טראגען ברילען.

ביי דער נעבסטער מאשין זיצט א חבר'טע
פון ע. ס., א מיידעל 19 יאהר אלט, װאס זעהט
אויס װי א פרוי פון 35. דיזע מיידעלעך האר־
טען זיך פאר פערפאלענע. מען טאר קיין שאלות
ניט פרעגען. מען דארף ארבייטען און ליידען
ביז די לעצטע כחות. און דער באס — אלע
אבענד קומט זיינער א ברודער איהם אבנעהמען
מיט אן אויטאמאביל.

עס פערשטעהט זיך, אז װען דאס „גע־
שעפט" װערט מיט אזעלכע מעטאדען געפיהרט,
קען דער באס זיך גיך ארויפארבייטען און װע־
רען א פילאנטראפ און א מאראל־פרעדיגער אויף
דער פינפטער עװעניו אפטאון. אבער אלע
שענדליכע מעטאדען מוזען סוף כל סוף ארויס־
קומען אין דער עפענטליכקייט און עס קומט
דער יום הדין.

די לעהרער פון די פובליק סקוהלס אויף
דער איסט סייד װאונדערען זיך מאנכע מאל, אז
אן אינטעליגענטעס קינד װערט אין א שפעט־
רען טערמין מיט איינמאל שטומפף און אונפע־
היג. די לעהרער קענען דארויף געפינען אן ער־
קלערונג אט אין דיזען פאל: —

א שפאנישע, 14 יעהריגע מיידעלע, מיט'ן
נאמען ס. ב., ארבייט אין א שאפ, װאו דער באס
איז דא ניט לאנג בעשטראפט געװארען מיט 25
דאלאר פאר איבערטרעטען דאס געזעץ פון קינ־
דער ארבייט. פון דאן אן האט דיזע מיידעלע
אנגעהויבען געהען אין זיין שאפ צו דער אר־
בייט גלייך פון סקוהל, 3 א זייגער נאכמיטאג.
זי ארבייט ביי דער מאשין אלס „פאלדער" גע־
װעהנליך ביז 6, אפטמאל ביז 7 אדער 8 אין
אבענד, זונטאג און אנדערע פרייע טעג א גאנ־
צען טאג. פאר דיזער גאנצער ארבייט בעקומט
זי א גאנצען טאלער.

און װאו זיינען די פעקטארי אינספעק־
טארס?

דער ענטפער איז, אז פאר דעם גאנצען גע־
גענד האט געדארפט זיין װעניגסטענס א דיר־

[illegible] ראָזט זיך קוים גלויבען, אז עס איז [illegible] אין דער פרייער אמעריקא און אין דעם [illegible]רינדערט. קיין שקלאַפען־טרייבער [illegible] דאָך אודאי ניט.

[illegible] אייך קיין נייעס ניט, אז די ערנ־[illegible]ראַפּענט־טרייבער זאָלען זיך מאַכען פאַר [illegible] אין אבטהאָן זייערע פינסטערע [illegible] אין דעם נאָמען פון וואָהלטהעטיגקייט. [illegible]טראַכטען זיי זיך, „זיינען נעבעך גרינע [illegible] פון די האַלב־באַרבאַרישע ערטער, ווי [illegible] שפּאַניען און גריכענלאַנד. זיי וואָלטען [illegible] פאַר א קלייניגקייט. גרויסע נאַרע־[illegible] און מען קען זיי איינרעדען א [illegible] אין לעבער אין דער „נאַז". הכלל, מיר [illegible] אַ צי מאַנופעקטשורען קימאַנאָס און מיר [illegible] מיידלעך א טובה, ווען מיר נעה־[illegible] צו דער אַרבייט."

[illegible] דיזער מאָדערנער „פילאַנטראָפּ" א [illegible]ער ערגעץ אין עללען סטריט, וואו [illegible] קימט קיינמאָל ניט צו און א סאַני־[illegible] אינספּעקטאָר אודאי ניט. ער קויפט די [illegible] שטאָף, וואָס איז ארויסגעראַטעוועט [illegible] פון א שׂרפה, ערגעץ אויף א סייל. [illegible] קאַפּיטאַל קען ער ניט צושטעלען. [illegible] איבריגען קאַפּיטאַל וועלען שוין די ארביי־[illegible] ברענגען. זיי וועלען זיך איינשאַפען זיי־[illegible] איינענע מאַשינען, נאָדעל־פאָדים און אנדע־[illegible]. זיי וועלען צאָהלען פון זייער [illegible] צו „פיקסען" די מאַשינען, [illegible] נויטיג. זיי וועלען טרייבען די מאַשינען [illegible] איינענער פוס־קראַפט און טהאָן די [illegible] אַרבייט. און ער וועט זיין דער באָס; [illegible] זיי הייסען ארבייטען פון 7 אָדער 8 אין [illegible] ביז 7 אָדער 8אין אבענד; ער וועט זיי [illegible] א האַלבע שטונדע פאַר לאַנטש און 20 מי־[illegible] פאַר סאַפּער. יע, און שׂכירות, ווייס־[illegible] יעלען זיי דען האָבען א האַרץ צו [illegible] א סך שׂכירות פון אזא אָרים געשעפ־[illegible], יע, ער וועט זיי דאָרט געבען א קליי־[illegible], צו וואַרפען זיי ווי א הונד א ביין. יע. [illegible] פאַר איהם א גוטער, א קלוגער פּלאַן; [illegible] וועט געהען!...

[illegible] זייט איז דער פּלאַן גאַנץ ראַיעל, [illegible]געזעצליך. די עפענטליכע מיינונג האָט [illegible] אויסצוזעצען דאַגעגען. אויף דעם דאָ־[illegible] האָבען זיך די נאָדעל־טריידס אין [illegible] ענטוויקעלט. אויף דעם דאָזיגען וועג [illegible] פיעלע פון די איצטיגע גרויסע „פילאַנ־טראָפּען" אין דער פרויען־קליידער אינדוסטרי געגאַנגען; אָנגעהויבען קליין, ווי אויבען גע־שילדערט, ביסלעכווייז „ארויף געארבייט" זיך, דערגרייכט זייער איצטיגען שטאַנד, זייערע גרויסע „שאָו רומס" אויף פינפטער עוועניו אפ־טאון, און געוואָרען גרויסע פאַרשטעהער און טאָנגעבער פון מאָראַל און אויפפיהרונג. דער עללען סטריט'ער קימאַנאָ באָס, דער בעל טובה'־ניק, שטעלט זיך אָבער דערביי ניט אָב. ער איז פיעל דרייסטער. זיין עקספּלאָאטאַציע געהט נאָך ווייטער.

גראָד פאַסירט עס, אז זיין שוואָגער האַנ־דעלט מיט געניצטע נעה־מאַשינען און האָט א סטאָר אין דעמזעלבען פינסטערען געגענד. פון דערווייטענס זעהען דיזע מאַשינען אויס פאַר דער נאַרישער טערקישער מיידעל ווי עפּעס רעכטס. דער באָס און זיין שוואָגער האָבען אַן אָבמאַך, אז מען מעג דער גרינער מיידעל פער־קויפען א מאַשין אויף אויסצאָהלען, פאַר ניט מעהר ווי דאָפּעלט דעם פּרייז וואָס א נייע, גוטע מאַשין דאַרף קאָסטען. די מיידעל מוז אָבער צאָהלען פאַר „פיקסען" די מאַשין ווען נויטיג, און פיקסען דאַרף מען אזא אַלטע צובראָכענע כלי אַלע טאָג. לויט זייער אָבמאַך קען די מיי־דעל די מאַשין ניט מיטנעהמען ווען זי פערלאָזט דעם פּלאַץ, אָדער ווען מען הייסט איהר געהען, פאַר אן אורזאַך אָדער אָהן אן אורזאַך. און דאָס געלד וואָס זי האָט אויף דער מאַשין אויסגע־צאָהלט, בעקומט זי אויך ניט צוריק. נאָך ני־כער פערלאָזט זי דעם פּלאַץ, ווי די מאַשין שטעהט שוין ווידער ביים שוואָגער אין סטאָר, צוגעגרייט פאַר אן אַנדער נאַרישע גרינע מיי־דעל. דאָס איז, אלזאָ, א געשעפטעל ביי דער זייט וואָס וואַקסט ארויס פון דער קימאָנאָ־טרייד.

חוץ דעם, אז דאָס געשעפט געהט אויף אזא וועג און וואַקסט פון רויב און עקספּלאָאטאַציע, ווערט דער באָס אַלע מאָל קליגער און פּלאַנמע־סיגער. ער נעהמט אריין קליינע קינדער אָדער עלטערע פרויען, אזוינע אַרבייטער קאָסטען דאָך בילליגער. עס טרעפט אָפט, אז מען דינגט אַן אַלט פּאָר פאָלק פאַר 11 דאָלאַר ביידען און מען רעכענט אָב פון דיזע אָרימע שׂכירות פאַר די קאָסטען פון מאַשין, נאָדעל־פאָדעם און אפילו פאַר וואַסער צום טרינקען.

און דאָס געשעפט ווערט ערשט ריכטיג אינטערעסאַנט פאַר די באָסעס, ווען זיי דאַרפען אַלץ זוכען פּלענער ווי אויסצודריטען זיך פון'ם

אײניגע װיכטיגע בעשלוסע.

בעשלאָסען צו אינדאָסירען א סטרײק אין דער רעגקאָוט טרײד אין ניו יאָרק.

אויף דעם פערלאַנג פון ברידער האַלפּערן און פערלשטײן, א קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָארד, װערט בעשלאָסען צו שיקען פערטרעטער צום קאָנפערענץ מיט די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס. פּרעזידענט ראָזענבערג, בעקרעטער דײטש און װײס־פּרעזידענט ראָזענבערג װערען אײנגעפאָדערט צו זײן די פערטרעטער. סעקרעטער דײטש נעהמט ניט אָן, און עס װערען צוגעזעצט װײס־פּרעזידענטען אַמדור און מיטשעל.

בעשלאָסען צו בעהאַנדלען די טראַנספערפראַגע בײם נעכסטען מיטינג פון באָארד. דאָס הײסט: װי װײט לאָקאַלס אין מעמבערס זײנען פערפליכטעט אַבצוהיטען דעם 17טען פּינקט פון דער קאָנסטיטושאָן און װי מען דארף דעם פּינקט פערטײטשען.

אויף דעם פּראָטעסט פון לאָקאַל 38 װערט בעשלאָסען צו בעפעהלען לאָקאַל 25, אז זײ זאָלען זיך צוריקהאַלטען פון אָרגאַניזירען די אפּטאָון דרעסמײקערס, װעלכע אַרבײטען אײן בעשטעלטע דרעסעס, װײל איבער דיזען ברענטש פון טרײד האָבען זײ ניט קײן דזשורידיקשאָן רעכט.

בעשלאָסען צו געבען לאָקאַל 71, דעזיינטײלאָרס פון שיקאָגאָ, א דאָנײשען פון 200 ד.

בעשלאָסען בײצושטײערן 1,000 דאָלאַר צו דעקען דעם חוב פון לאָיער פּיגני פאַר זײנע דיענסטע אין דעם דזשענעראל סטרײק אין באָסטאָן, באופן, די באָסטאָנער לאָקאַלס װעלען שאַפען די איבריגע 15־הונדערט דאָלאַר.

אויף די אײנלאַדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלע שנײדער פעדעראַציאָן װערט בעשלאָסען צו שיקען א דעלעגאַט צום שנײדער־קאָנװענשאָן, װאָס הױבט אָן איהרע זיצונגען אין װיען, דעם 15טען יולי, און אויך אז אונזער אינטערנעשאָנאל זאָל זיך מיט דיזע קערפּערשאַפט אַפּילירען. סעקרעטער דײטש װערט אײנשטימיג ערװעהלט אלס דעלעגאַט.

די איבריגע, ניט פערענדיגטע, פראַגען איבערגעגעבען צו די מעמבערס פון נײ יאָרקער באָארד.

איבלען אין קימאָנאָ טרײד

װי „גרינע" שפּאַנישע און טערקישע מײדלאַך װערען עקספּלאָאַטירט פאַר דעם בענעפיט פון הערצלאָזע באָסעס.

פון נערטריך כאַרנים

אז מאַנכע באָסעס האָבען ניט קײן האַרץ און קײן געװיסען, װען עס האַנדעלט זיך װעגען זײערע אַרבײטער, איז פאַר אונז קײן נײעס ניט. אָבער די מעשׂית, װאָס מיר הערען טאָגטעגליך, װי מען אַרבײט זיך אַרויף אין דער קימאָנאָ־טרײד; װי מען בעשװינדעלט און מען דריקט אױס דאָס לעבען און נשמה פון גרינע אימיגראַנטקעס פון שפּאַניען און טערקײ, נעהען איבער אין הערצלאָזיגקײט אַלעס װאָס מיר האָבען װען עס איז געהערט.

אידיש־שפּרעכענדע אַרבײטער אין די קלײדער־אינדוסטריען קען מען הײנט מעהר ניט אויסנוצען און עקספּלאָאַטירען װי אַמאָהליגע יאָהרען. כמעט אין יעדער צװײג פון דיזע אינדוסטריען איז דאָ א מעהר אָדער װעניגער שטאַרקע יוניאָן װאָס דערלאָזט ניט דערצו. דאָרט אָבער װאו די אַרבײטער זײנען נאָך אַלץ פערפינסטערט און ניט אויפגעקלעהרט, געפינען זיך שוין מאַנכע געװיסענלאָזע מענשען א װעג װי זײ צו בערױבען און אויסדריקען פון זײ די נשמה. אין דער קימאָנאָ־טרײד זײנען דאָ אײניגע אַרבײטער, מײסטענס פרישע אימיגראַנטקעס פון סיריען און עהנליכע לענדער, װאו מענשליכע שקלאַפערײ הערשט נאָך אין פערשידענע פאָרמען. און אויף דער איסטסאַיד אין ניו יאָרק, אין עללען סטריט און אַרומיגע גאַסען, זײנען דאָ גענוג פינסטערע לעכער װאו מען האָט אײנגעשטערט טרײבען א זאָרט פאַבריק־שקלאַ־

[illegible] האבען פארלויפיג א פיעל גרעסערען [illegible] זייערע זיעבען גליקען פונ'ם טערקישען [illegible] זיי פערשטעהען, אז א גוט שטיקעל [illegible] אין א פארציע שור הבר אין דער צוקונפט [illegible] איך ניט אוועקווארפען... מיט אנדערע ווערטער: די ארבייטער הויבען אן פערשטעהן, אז א יוניאן־שאפ און א שטארקע ארגאניזאציע איז אן און פיר זיך א האלבע סאציאלע רעוואלוציע.

די באארד האט בעשטעטיגט די פאדערונגען פון די פילאדעלפיער קאטערס, פון די סינסינעטער קאטערס, פון די קלאוקמאכער און ליידיס טיילארס פון סט. לואיס, און האט אויסגעבעסערט אין גוטגעהייסען די פאדערונגען פון די ניו יארקער קלאוקמאכער. די פאדערונגען פון די ניו יארקער עמבראידערערס לאקאל 66 ווערען איבערגעגעבען צו א קאמיטע פון די וויס־פרעזידענטען מיטשעל, דובינסקי און וויטאשקין. די פאדערונגען פון די באלטימארער דרעסמאכער ווערען איבערגעגעבען צו דער זעלבער קאמיטע וואס פאסט אויף אויף דער סיטואציאן אין פילאדעלפיא. בנוגע צו די פאדערונגען פון די ניו יארקער רעינקאוט מאכער, רעקט פרעזידענט ראזענבערג, אז זיי האבען פריהער גוטגעהייסען ווערען ביי דער דזשאינט באארד. וועגען די פאדערונגען פון די פילאדעלפיער פרעסערס, בעריכטעט וויס־פרעזידענט פאלאקאף, אז וועגען דער פראגע פון וואך־ארבייט אדער שטיק־ארבייט האט שטאטגעפונען א רעפערענדום אבשטימונג. 420 האבען געשטימט פאר שטיק־ארבייט און 102 פאר וואך־ארבייט. מאנכע מעמבערס פון דער באארד זיינען ניט געוועזן צופריעדען מיט דער דאזיגער רעקאמענדאציאן פאר שטיק־ארבייט. אבער ענדליך איז די רעקאמענדאציאן אנגענומען געווארען פון 8 געגען 6.

בקשות פון פערשיעדענע לאקאלס.

דער פערלאנג פון די ברוקלין ליידיס טיילארס לאקאל 65, אז א קאמיטע פון דער אינטערנעשאנאל זאל זיי העלפען ארגאניזירען די טרייד, אים צו קענען רופען א סטרייק אין קומענדען פאלל סיזאן, ווערט איבערגעגעבען צו דער קאמיטע וואס איז אפאינטעד געווארען צו [illegible] פאר די אינטערעסען פון לאקאל 38.

די ביטע פון ברודער גארפינקעל, פון לאס אנדזשעלעס, אז אן ארגאנייזער זאל אנגעשטעלט ווערען פאר די ארבייטער פון דעם זיד־פאסיפישען ברעג; די ביטעס פאר ארגאנייזערס פון די מאנטרעאלער דזשאינט באארד און לאקאל 75 פון וואוסטער; דער פערלאנג פון די וויסט מייקערס לאקאל 25, אז וויס פרעזידענט פאלאקאף זאל פערבלייבען מענעדזשער פון די אסאסיאיישען שעפער; דער פערלאנג פון דער קליוולאנדער דזשאינט באארד, אז וויס־פרעזידענט פאיט זאל אויפפאסען אויף די קליוולענדער לאקאלס—דיעזע אלע ביטעס ווערען איבערגעגעבען צו פרעזידענט ראזענבערג.

דער פערלאנג פון לאקאל 22, ניו הייווען, פאר אן ארגאנייזער, ווערט איבערגעגעבען צו דערזעלבער קאמיטע, וואס האט צו בעהאנדלען די פאדערונגען פון די באלטימארער קלאוקמאכער.

די ביטע פון די בראנזוויללער דרעסמייקערס, אז די באארד זאל אינדאסירען א דזשענעראל־סטרייק אין זייער טרייד, ווערט איבערגעגעבען צו די ניו יארקער מעמבערס פון באארד.

דער פערלאנג פון די ראפפער און קימאנא ארבייטער לאקאל 41, אז די באארד זאל ארגאניזירען די שעפער פון קאנטראקטארס, וועלכע ווערען צוגערעדט פון די מאנופעקטשורערס ארויסצומופען ווייטער פון דעם 25 מייל גרענעץ, ווערט איבערגעגעבען צו וויס־פרעזידענט מיטשעל.

פרעזידענט ראזענבערג און וויס־פרעזידענטען קליינמאן און וויטאשקין ווערען אנגעשטעלט אלס קאמיטע צו אונטערזוכען די בעהויפטונג פון דער ניו יארקער דזשאינט באארד, אז א געוויסע צאהל סקווירט און דרעס מאנופעקטשורערס, וועלכע ווערען ניט קאנטראלירט פון דער קלאוקמאכער יוניאן, האבען זיך לעצטענס געווענדעט צו די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישען מיט דעם פערלאנג צו ווערען מעמבערס. די דזשאינט באארד דענקט, אז וויבאלד מען זאל דאס דערלאזען, וועלען די ארבייטער פון דיעזע שעפער דארפען ארבייטען פאר קלענערע פרייזען.

די דזשוריסדיקשאן־פראגע צווישען לאקאל 25 און לאקאל 35, וועגען דעם צו וועלכען לאקאל די וויסט פרעסערס דארפען בעלאנגען, ווערט איבערגעגעבען צו פרעזידענט ראזענבערג, סעקרעטער דייטש און וויס־פרעזידענט זלאטשין.

די קאמיטע אויסגעפונען אז ברודער סאראמאן איז ניט געווען ביים טרייעל צוליעב קראנקהייט אין זיין פאמיליע און די קאמיטע האט רעקאמענדירט א נייע טרייעל.

בנוגע צו דער אפעלאציע פון לאקאל 1, געגן א בעשלוס פון דזשאינט באארד, אז אין צייט פון סטרייק מוז יעדער לאקאל אליין צאָלען סטרייק־בענעפיט צו די ניט־יוניאן־לייט, האט די קאמיטע געהאלטען מיט דעם לאקאלס טענה, אז אזעלכע צאָלונגען צו ניט־יוניאן־לייט קענען, לויט דער קאנסטיטוציאן, ניט הייסען קיין בענעפיט נור סטרייק־עקספענסעס.

די אפעלאציע פון ס. ראזמאן געגען א שטראף פון 10 דאלאר וואס לאקאל 38 האט אויף איהם ארויפגעלעגט, דערפאר וואס ער האט גענומען דיוס פון ברודער פיסמאנאף, בשעת ער איז געווען א פארמאן און איז דארום געווען סוספענדירט אלס א מעמבער, האט די קאמיטע געפונען פאר ניט בעגרינדעט און האט בעשטעטיגט די האנדלונג פון לאקאל.

די קאמיטע האט אויך אונטערזוכט אנדערע קייסעס פון מעמבערס, וועלכע האבען פראטעסטירט געגען א געלד־שטראף, דערפאר וואס זיי האבען געארבייט שטיק־ארבייט געגען די רול, אבער זיינען צו דער אונטערזוכונג ניט ערשיענען. אנדערע מעמבערס איז ניט געפעלען וואס מען האט זיי בעשטראפט פאר ארבייטען אין די ריגעל האלידייס. אין דיעזע פעלע זיינען די אפעלאציעס ניט געווען בעגרינדעט און די קאמיטע האט ענטשיידעט געגען זיי. די באארד האט דיעזע אלע רעפארטס גוטגעהייסען.

אנדערע רעפארטס זיינען געווען עטוואס פרינציפיעל אדער ניט גאנץ פאלשטענדיג. ווי בעוויזען האבען די ווייסטמייקערס לאקאל 15 פון פילאדעלפיא, געפאדערט מען זאל זיי געבען דאס רעכט צו קאנטראלירען די ארבייטער ביי טשילדרען דרעסעס. וויים־פרעזידענט מיטשעל האט די זאך אונטערזוכט און רעקאמענדירט, אז זייער פאדערונג זאל ווערען בעוויליגט און אז זייער נאמען זאל זיין: „לײדיס ענד טשילדרענס דרעס ענד ווייסט מייקערס יוניאן". אבער אזוי ווי די לאגע אין פילאדעלפיא איז דערווייל אומבעשטימט, האט די באארד בעשלאסען די פראגע אבצולעגען ביז נאך דעם קלאוקמאכער סטרייק.

דעם רעפארט וועגען די גליקמאן קייס, וואס וויים־פרעזידענט פאלאקאף און זלאטשין האבען אונטערזוכט, האט די באארד געהאלטען פאר ניט פאלשטענדיג. ווייל אין א זאך וואס רירט אן א מענשענס כאראקטער און רעפוטאציע דארף ווערען ארויסגעגעבען אזא קלארע אורטהייל, אז מען זאל איהם ניט קענען צווייטייטיג פערטייטשען. אין דיעזען פאל האט ברודער גליקמאן געפאדערט מען זאל אונטערזוכען, אויב די סלוכען וואס מאנכע מענשען האבען פערשפרייט, אז ווען ער איז געווען א בעאמטער אין לאקאל 17, האט ער מיסברויכט דעם לאקאלס געלדער, זיינען ריכטיג אדער פאלש. דער רעפארט איז ניט געווען גאנץ דייטליך און די קאמיטע וועט איהם מוזען איבער־ארבייטען.

מען שטעלט איבעראל פאדערונגען.

קיינמאל איז די באארד נאך ניט געווען אזוי ביזי מיט איבערקוקען פאדערונגען פאר נעקסטע סיזאן, ווי ביי דיעזען מיטינג אין סינסינעטי, און פיעל צייט איז דארויף אבגעגעבען געווארען. די באארד האט בעהאנדעלט די פאדערונגען ניט נור פון די ניו יארקער קלאוקמאכער, נ[illegible] אויך פון די ארבייטער אין פיעלע אנדערע שטעדט. וועגען די פאדערונגען פון די פילאדעלפיער קלאוקמאכער און ניו יארקער רעינקאוט מאכען ווייסען מיר שוין לאנג. אבער ביי דעם מיטינג אין סינסינעטי זיינען פארגעבראכט געווארען פאדערונגען פון די סינסינעטער קלאוק קאטטערס, פון די קלאוקמאכער און לײדיס טיילארס אין סענט לואיס, פון די קלאוקמאכער אין באלטימאר און די באנעט־עמבראידערערס פון ניו יארק. איבעראל זינגט מען מיט איין ניגון: גרעסערע ווייזשעס, קירצערע שטונדען און גוט־בעצאהלטע אווערטיים, עטליכע פרייע האלידעיס, סאניטארע בעדינגונגען, א יוניאן־שאפ, פרייז־קאמיטעס צו דינגען זיך איבער פרייזען פאר שטיק־ארבייט און עהנליכע הנחות. קומענדיג פון אזוי פיעל שטעדט מיט איינמאל, מוז מען זאגען, אז דאס איז א צייכען דער צייט. דאס איז ניט רוהעלאזיגקייט און אונצופריעדענהייט סתם אין דער [illegible] אריין. דאס איז דער אויסדרוק פון א טיעפערען בעוואוסטזיין. דאס מיינט, אז די ארבייטער ערוואכען, אז זיי פערשטעהען זייער מאכט, אז זיי אנערקענען וואס ארגאניזאציאן קען פאר זיי טהאן. עס בעווייזט אויך, אז די ארבייטער האבען אנגענומען פראקטישע מעטאדען און זיי פערשטעהען, אז מען קען ניט קריגען [illegible] „טעלעריל פון הימעל" מיט איינמאל אין [illegible] דאלאר א וואך מעהר און א שטונדע א [illegible]

דזשענעראל עקזעקוטיװ באָארד אין סינסינעטי

דער פיערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דזש. עקז. באארד, אבגעהאלטען אין סינסינעטי פון ...טען ביז דעם 28טען דזשון, איז ניט געווען אזוי רייך אין סיבות ווי דער מיטינג אין פילאדעלפיא. ערשטענס איז סינסינעטי זוייט פון דעם שטורם־צענטער פון דער פרויען קלייד־ער־אינדוסטריע—ניו יארק און ארומיגע שטעדט. פיעל לאקאלס האבען זיך ניט פער־לאנגט צו שיקען קאמיטעס פארצוברענגען זייער „פעקעל צרות" און האבען זיך צופריערענגע־שטעלט מיט בריעף. חוץ דעם וואלטען די קליינע לאקאלס סיי ווי סיי דערביי גארניט געוואונען. גראד האט דורך דיעזער וואך גאט אויסגעגאסען די זון פון זיין פוטערפאס. סינ־סינעטי שטעהט אין א טהאל און איז פול מיט רייך פון די פאבריקען און אייזענבאהנען, און ווען די היץ איז 106 גראד און קיין ווינטעל בלאזט ניט, דארפען מענשען זיין איבער־נאטירליך, צו קענען זיצען טאג איין, טאג אויס אין א פערשטיקטען צימער און פערהאנ־דלען יוניאן־ביזנעס. די באארד האט אפילו אין עטליכע טעג ארום געהאט איבערגעמופט אויף א שפיין בארג אין ניופארט, קענטאקי. זי האט אבער די פערלארענע צייט ניט געקענט דער־האפען און געלאזען א סך ניט פערענדיגטע ביזנעס.

די „רוטינע" ביזנעס.

„רוטינע" ביזנעס, דאס הייסט זאכען וועל־כע מוזען געוועהנליך פאר ביי יעדען פיערטעל־יעהרליכען מיטינג, דהיינו: רעפארטס פון קא־מיטעס, אנגעשטעלט ביים לעצטען מיטינג, צו מאכען געוויסע אונטערזוכונגען, האט אויף דעם סינסינאטער מיטינג ניט געפעהלט. אין פלוג קען זיך דאכטען, אז אזוינע רעפארטס זיינען ניט וויכטיג און האבען קיין שום בעדייטונג ניט. אין אמת אבער זיינען זיי גראד יא אינ־טערעסאנט. מיר קענען פון זיי לערנען ניט נור די אינערליכע נאטור פון אונזערע ארבייטער, נור אויך די דעמאקראטישע מעטאדען וואס הערשען אין דער יוניאן. אמת, די מאשינערי פון ענט־שיידען געוויסע סכסוכים, אדער פערגלעטען שטרייטעגע צווישען איין מעמבער און אנאנדער־ער, צווישען א מעמבער און זיין לאקאל און צווישען איין לאקאל און דעם אנדערען, שיינט פאר מאנכע מענשען צו זיין פיליכט אביסעל צו לאנגזאם. ווען מען וויל אבער אויסטהיילען יושר און גערעכטיגקייט צו יעדען גלייך, מוז מען אונבעדינגט ווענען און מעסטען יעדענס טענות. מען מוז נעהמען אין אנבעטראכט פערשיעדענע אומשטענדען און מען דארף זאָ־גאר אפט אויפפאסען, צי די קאמיטע וואס האט די זאך אונטערזוכט האט ארויסגעטראגען א שטרענג אונפארטייאישען אורטהייל, אדער צי זי האט ניט פערזעהען א רינגעל אין דער קייט פון בעווייזע און האט דורכדעם, אפשר גאנץ אונבעוואוסט, ניט געהאנדעלט לויט יושר. לאָ־מיר אקארשט ווארפען א בליק אויף עטליכע אזעלכע רעפארטס.

די וויים־פרעזידענטען מיטשעל און זלאָ־טשין רעפארטירען) אז זיי האבען אונטערזוכט געוויסע קייסעס, וואו מעמבערס זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דעם אורטהייל פון זייער לאקאל און האבען אפעלירט צו דער דזשענ. עקז. באארד. ברודער טראנערמאן, א קאטער, איז בעשטראפט געווארען ביי לאקאל 10 מיט צעהן דאלאר, דערפאר וואס ער האט בעמערקט, ווען מען האט פארגעבראכט א ביל פאר האלל רענט, אז די סומע איז צופיעל און אז עס שמעקט מיט ניט ראיעלע ביזנעס. די אפיסערס האבען דאס אנגענומען פאר א בעליידיגונג נעגען זיך. אין אמת אבער איז ברודער טראנער־מאן געווען אין דעם אויפריכטיג און געמיינט דעם לאקאלס טובה. ביי דער אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז טראנערמאן האט געהאט געגוג אורזאכע אזא בעמערקונג צו מאַ־כען, און די קאמיטע רענקט, אז די שטראף איז אונגערעכט.

דערזעלבער לאקאל האט אויך בעשטראפט ברודער אינער מיט 10 דאלאר, פאר ארבייטען שבת נאכמיטאג נעגען די רול. אין דעם פאל האט דער לאקאל ריכטיג געהאנדעלט און די קאמיטע רעקאמענדירט, אז דעם מעמבערס אפעלאציע זאל ווערען צוריקגעוויזען.

ברודער סאלאמאן, א פרעסער, האט געהאט פראטעסטירט נעגען א שטראף פון 15 דאלאר, וואס לאקאל 35 האט אויף איהם ארויפגעלעגט. די קלאגע נעגען איהם איז געווען, אז מיט זיין האנדלונג אין שאפ האט ער געשעדיגט די אינ־טערעסען פון זיינע מיטארבייטער. די קלאגע איז אמת טאקע א גאנץ ערנסטע. האט אבער

רויפט ניטא קיין מיטעל אויסצוגעפינען וועלכע מיטעל איז יא די ריכטיגע פאר דער פראבע. קומט אויס, אז די פראבע איז א שפעקולאציע, פון וועלכער דער מאנופעקטשורער בענעפיטירט און די ארבייטער בעקומען ניט די פערשפראכענע העכערונג. עס איז אויך קלאר, אז די פראבע, ווי מען פירט איהר איצט דורך, איז ניט דער ריכטיגער מיטעל צו בעשטימען פרייזען פאר שטיק־ארבייט.

מאנכע מאנופעקטשורערס וועלען בעקלאגען זיך, אז מיידעלך ארבייטען עקסטרא לאנגזאם, כדי די צייט צו פערציהען און דעם פרייז צו פערגרעסערן. זיינען אויך ביידע צדדים ניט צופרידען מיט דער ארט און וויזע ווי די פראבע ארבייט. אנדערע מאנופעקטשורערס קלייבען עקסטרא אויס 16 אדער 18 דאלארדיגע מיידעלך, כדי דעם פרייז אראפצוברענגען. אין דעם פאל אבער מישען זיך אריין די הויפט־רעדנערס, אדער די קאמיטע פון דער וויידזש־סקייל באארד, און ענטשיידען, אז יעדע פירמע מעג זיך אויסקלייבען אפילו א 20־דאלארדיגע ארבייטערין. די פרייזען מוזען אבער בעשטימט ווערען לויט איהרע פערדיענסטען. ווייל באלד זי ארבייט אויס 20 דאלאר אין 45 שטונדען, מוזען די ארבייטער פאר דיזער ארבייט קריגען 45 סענט א שטונדע. איך האב מר. באטאראמיי און מר. היימאן, דעם טשערמאן פון וויידזש סקייל באארד פארגעשלאגען אזא פלאן: די מיידעל זאל צוערשט ארבייטען געטעסטעטע ארבייט 9 שטונדען נאכאנאנד, און [illegible] וועט פערדיענען אין די 9 שטונדען זאל נאכהער בערעכענט ווערען דער פרייז פער שטונדע אויף דעם גאנצען גארמענט. ניט לאנג צוריק איז אזא פאל פארגעקומען ביי מאחם דער, האבען מיר (מרס. איזאעקס און איך) געהייבען מאכען די פראבע איז א אינען.

איך האב פארגעבראכט די פראגע וועגען דער „פראבע" פאר דער וויידזש־סקייל באארד און האב זיי ערקלערט ווי שלעכט דער פראבע ארבייט, אז די מעמבערס בענעפיטירען דערביי גאר ניט. עס איז אמת, אז די ארבייטער פערדיענען איצט עטוואס מעהר ווי פאר דעם סטרייק, האב איך אבער אויך אויסגעפונען, אז זיי זיינען איצט מעהר איינגעאיבט אין ארבייטען שנעלער ווי דעמאלט. זייערע ווידזשעס זיינען געהעכערט געווארען, אבער ניט אזוי פיעל ווי די קאנפערענץ־לייט האבען גערעכענט.

די וויידזש סקייל באארד האט בעשלאסען, אז א קאמיטע פון ביידע צדדים זאל דיזע פערפלאנטערטע פראגע אונטערזוכען. פון אונזער זייט וועלען אין דער קאמיטע זיין ברודער ריינער, ברודער באראף און איך זעלבסט. זייטענס דער אסאסיאיישען וועלען זיין די הערען היימאן, פרענקס און גאלדמאן, וועהרענד ג. י. כטאי וועט פערטרעטען ביידע צדדים. איך האף, אז די קאמיטע וועט געפינען א מיטעל ווי דיזע פערפלאנטערטע פראגע צו שליכטען, אז די ארבייטער זאלען קריגען גערעכטיגקייט און איך וועל וועגען דעם בעריכטען אין דיזען זשורנאל.

איך וויל אויפפאדערן די עקזעקוטיווע באארד און די מעמבערס פון לאקאל 25 בכלל דיזע „פראבע"־פראגע אויפצונעהמען פאר דיסקוסיאן ביי זייערע באארד און ברענטש־פערזאמלונגען. ווער עס האט א פלאן פארצולעגען, אדער א מיינונג אויסצודריקען, איז געבעטען צוצושיקען שריפטליך אין מיין אפיס: 43 איסט 21טע גאס, אדער צום רעדאקטאר פון „ליידיס גארמענט וואירקער, 32 יוניאן סקוועיר. לאזט די מעמבערס אין דער זאך נעהמען א לעבעדיגען אינטערעס. —

נאטיס צו קארעספאנדענטען

מיר ווילען נאך א מאל דערמאהנען אונזערע לאקאלע סעקרעטערס און אנדערע לעזער, וועלכע שיקען אונז צו פון צייט צו צייט קארעספאנדענציעס און בעריכטען, אז דיזע מוזען אנקומען אין אפיס ניט שפעטער ווי דעם 15טען פון יעדען מאנאט, זאנסט קענען זיי אין לויפענדען נומער ניט אריינגעהן. אויב איהר האט וואס צו שרייבען אנפאנג מאנאט, שרייבט עס אן און שיקט עס גלייך צו. דאס קען אבער ניט געדרוקט ווערען, ווען איהר שיקט דאס זעלבע אויך אין אנדערע צייטונגען און עס ווערט דארט געדרוקט פריהער.

אינטערעסען פון די מאַנופעקטשורערס זיינען געווען ניט בעוואָרענט מיט דעם פונקט, דאָס אין יעדען פאַל וואו די קאָמיטעס קענען זיך מיט די באָסעס וועגען די פרייזען ניט אייניגען, „זאָל די ארבייט דערווייל אָנגעהן". גראָד האָט פּאַסירט, אז אין די מייסטע שעפּער האָט מען ווייל מ'האָט ניט געקענט אייניגען און עס האָט זיך געפאָדערט צו מאַכען פּראָבען.

ווי שיין געזאָגט האָבען די קאָנפערענציעס פערפעהלט קלאָר פאַרצושרייבען וואָס הייסט „א געניטער, גוטער ארבייטער" די פּראָבע צו מאַכען. מאַנכע מאַנופעקטשורערס האָבען זיך בענוצט מיט דיעזער אונקלאָרהייט און האָבען גע'טענה'ט, אז א „געניטע, גוטע ארבייטערין" הייסט די שנעלסטע ארבייטערין. דערנאָך פלעגט מען כמעט אימער נעהמען א מיידעל, וואָס האָט געקענט פערדיענען 30 סענט א שטונדע פאַר דעם סטרייק; וועהרענד צוליעב דער רעכענונג וואָס מען האָט נאָך דעם סטרייק פערשפּראָכען האָט אזא מיידעל בעדאַרפט דורכשניטליך פערדיענען 38 אָדער 40 סענט א שטונדע. דיעזער מיטעל האָט נאַטירליך געדיענט די מאַנופעקטשורערס. די העכערונג אין פרייז האָט אויף אזא אופן אויסגעמאַכט אַן ערך 10 אָדער 15 פּראָצענט. דער פרייז האָט אָבער פאַר קיין פאַל ניט אויסגעטראָגען דעם מינימום פון 30 סענט א שטונדע פאַר די ערגער בעצאָהלטע ארבייטער.

דאָס איז נאָך ניט אַלעס. א געוויסע צאָהל מאַנופעקטשורערס האָבען געוואָלט מאַכען דעם מינימום־פרייז פון 30 סענט א שטונדע פאַר דעם מאַקסימום־פרייז און האָבען דיעזען פרייז געוואָלט ארויפדרינגען אויף אַלע ארבייטער, אפילו אין יענע שעפּער, וואו די ארבייטער האָבען פאַר דעם סטרייק פערדיענט 40 סענט א שטונדע. דיעזער שווינדעל האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבען. די יוניאָן האָט דורך דער וועידזש־סקייל באָארד דאָס בעצייטענס פערמאַכט.

די אַסאָסיאיישען בעאַמטע גיבען צו, אז צו סעטלען פרייזען דורך דער „פּראָבע", ווי מען פיהרט די פּראָבע איצט דורך, שטעלט בײדע צדדים ניט צופריעדען. יעדעס מאָל ווען עס קומט פאַר אזא פאַל פאַר דער קאָמיטע „אָן אימידיאייט עקשען" (זאָפאָרטיגע האַנדלונג), אָדער פאַר די הויפּט־קלוירקס, ראַטהען זיי אימער בײדע צדדים זיי זאָלען זיך טרײַען איי־ניגען אָהן א פּראָבע מאַכען, כדי צו פערשפּאָרען רייסעריי. אין פיעלע שעפּער האָט די ערפאַהרונג בעוויעזען, אז אין יעדען פאַל וואו מען האָט די פּראָבע פרייוויליג דורכגעלאָזען זיינען די ארבייטערס פערדיענסטען געווען בעסער.

זינט דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען האָבען מיר געפּרובט פערשיעדענע מיטלען ווי צו מאַכען, אז די פּראָבע זאָל ריכטיג ארבייטען. צוערשט האָבען מיר געמיינט, אז די מיידעל וואָס פערדיענט דורכשניטליך $12.75 פאַר 45 שטונדען אונאונטערבראָכענע ארבייט, וועט ביי דער פּראָבע ארויסברענגען דעם געווינשטען מינימום פון 30 סענט א שטונדע. נאָכהער האָבען מיר אויסגעפונען, אז דיזער פּלאַן איז ניט גינסטיג צו די ארבייטער, דערפאַר, וואָס מען קען ניט בעשטימט וויסען וויפיעל שטונדען די פּראָבע־מאַכערין האָט דורכשניטליך געאַרבייט פאַר די לעצטע דריי אָדער פיער וואָכען. די ביכער ציינען, אז דורכשניטליך האָט דיעזע מיידעל אין די דריי—פיער וואָכען פערדיענט אַן ערך $12.75 א וואָך. מיר האָבען אַלזאָ אראָבגערעכענט 5 שטונדען פון די 50 שטונדען א וואָך פאַר צייט־פערלוסט און האָבען זיך מישער געווען, אז ארבייטענדיג אונאונטערבראָכען צו ווערען, זיינען איהרע שטונדען 45 א וואָך. לויט דיזען רעכענונג דאַרף איהר פּראָבע ארויסברענגען עטוואָס מעהר ווי 30 סענט א שטונדע. האָט אָבער איהר פּראָבע ארויסגעבראַכט דעם פאַקט, אז זי האָט פערדיענט די $12.75 אין 35 ביז 40 שטונדען. אויף אזא אופן איז זי דאָך גאָר א 16 אָדער 18־דאָלאַרדיגע מיידעל. לאָמיר זיך פאָרשטעלען א פאַל, וואו די ארבייטער בעטען פאַר א געוויסען גאַרמענט $1.25 פאַר א דאָזען אַפּעריטען. זיי שטעלען זיך פאָר, אז עס דאַרף נעהמען אַן ערך 4¼ שטונדען אונאונטערבראָכענע ארבייט. דער מאַנופעקטשורער באָט א דאָלאַר און מען קען זיך ניט אייניגען. נעהמט מען די ערמאָהנטע מיידעל און מען זעצט איהר מאַכען די פּראָבע; ווערט זי פאַרטיג מיט'ן דאָזען ארבייט אין דריי שטונדען. דריי שטונדען צו 30 סענט איז 90 סענט. מאַכט די ארבייט אויס נאָך 10 סענט ווייניגער ווי דער באָס אַליין האָט געבאָטען. האָט דער באָס א פּרעטענזיע אז די ארבייטער ווילען איהם רואינירען, וועהרענד די ארבייטער ווערען צוטומעלט, וויסענדיג אז זיי קענען די 30 סענט א שטונדע ניט אויסארבייטען. די פּראָבע־מאַכערין איז אַלזאָ ניט געווען די ריכטיגע מיידעל פאַר דיעזער פּראָבע. עס איז איבער־

ביז 30 סענט. אין קיין שאפ זאל די ארבײט נים אױסמאכען װעניגער פון 30 סענט א שטונדע און װאו עס קומט אױס 33 סענט אדער מעהר, נאר דער פרייז פאר קיין פאל נים פערקלענערט װערען.

װי די טהעאריע װערט נים אױסגעהאלטען אין פראקטיקע.

אין טהעאריע, אויף דעם פאפיער, האט דער פלאן אױסגעזעהן װעדער שעהן און ציפריעדענשטעלענד. אבער דעם פלאן אין לעבען צו ברענגען איז שױן גאר נים אזא לײכטע זאך. װי װײט מען זאל די קאנפערענץ־לײטע נים לויבען פאר זײער גוטער ארבײט, האבען זײ פארט נים געקענט פאראױסזעהן די שװעריגקײטען. עס פערשטעהט זיך, אז מענשען זײנען נים קײן נביאים און װײסען נים װאס עס װעט פאסירען, ביז עס פאסירט. די גאנצע שװעריגקײט ליעגט אין דער פראגע פון מאכען די פרײזען. לויט װי עס װערט געזאגט אין פונקט (אי) פון ארטיקעל 10, װערען די פרײזען פאר שטיק־ארבײט בעשטימט לויט די צאהל שטונדען, װאס עס נעהמט א געניטען, גוטען ארבײטער צו מאכען א געװיסען גארמענט. האבען אבער די קאנפערענץ לײטע נים בעשטימט װאס אײגענטליך הײסט „א געניטער, גוטער ארבײטער"; און זײען עס האט געהאלטען בײם אױסקלײבען די מײדער די פראבע צו מאכען, האבען א געװיסע צאהל מאניפעקטשורערס געהאט דעם פארצוג און עס האט פאר די ארבײטער נים אױסגעמאכט קײן מינימום פון 30 סענט א שטונדע, װאס לויט דעם פראטאקאל האבען זײ בעדארפט בעקומען. אזוי װי דער פלאן איז געװען א נײע זאך, האבען די ארבײטער אין דעם נים געהאט גענוג ידיעה, אז זײ זאלען זיך געגען דעם קענען בעװארענען.

פאר די װאך־ארבײטער איז פאראן װעניגער שװעריגקײטען. אין סקעדיול (א), הגם דאס גיבט ניר אויף דערװײל, װערט גענױ פעסטגעשטעלט, װיפיעל עס זאל זײן די מינימום װעכענטליכע געצאהלט פאר יעדען זארט ארבײטער. עס װערען אין דעם סקעדיול בעזונדער דערמאנט: די פאלשטענדיגע קאטטערס, קאטטערס אויף דער לערה, פרעסערס, אײראנערס, דרײפערס, דיזאײנערס, עקזאמינערס, סעמפעלהענד און פלײן פינישערס. װאו נור עס האט פאסירט א דיספוט, און אזוי לאנג װי די װײדזש־סקײל באארד האט די פרײזען נאך נים בעשטימט, האבען זײ זיך געקענט ריכטען לויט די קלאר פעסטגעשטעלטע פרײזען פון דעם סקעדיול; חוץ דארטען װאו די ארבײטער האבען נים געהאט די נויטיגע געניטקײט. אבער אפילו דיזע ארבײטער האבען געקראגען זײער לױן געהעכערט װעדליג זײער געניטקײט. די צאהל איז געװען בײ די שטיק־ארבײטער. אבװאהל אין דעם פאפיער האבען זײ בעדארפט אױסארבײטען א מינימום פון 30 סענט א שטונדע, האט עס אין א סך שעפער דיזען פרײז נים אױסגעטראגען.

פאר דעם סטרײק זײנען די שעפער געװען צוזאמענגעשטעלט פון אונגעפעהר פארגענטש ארבײטער: אן ערך 60 פראצענט האט פערדיענט ביז 15 סענט א שטונדע, 20 פראצענט נים מעהר װי 20 סענט און 20 פראצענט האט פערדיענט אן ערך 30 סענט א שטונדע. די ארבײטער, װעלכע האבען פערדיענט 30 סענט אדער מעהר װי 30 סענט א שטונדע, זײנען געװען אזוי װעניג אין צאהל, אז זײ האבען דיעזע ציפערען כמעט נים בעריהרט. אין ארויפצוציהען דעם פרײז פון די קארגבעצאהלטע ארבײטער ביז 30 סענט א שטונדע האט זיך געפאדערט אז די פרײזען בכלל זאלען װערען געהעכערט אן ערך 80 פראצענט, איבער די פרײזען װאס מען האט געצאהלט פאר דעם סטרײק. מיט אנדערע װערטער: כדי פאר די ארבײטער װאס האבען בעקומען ביז 15 סענט א שטונדע זאל אױסמאכען 30 סענט א שטונדע האט מען בײם סעטלען די פרײזען בעדארפט ארויפציהען דעם פרײז, לאמיר זאגען: פון 50 סענט א דוצענד ביז 80 אדער 90 סענט א דוצענד. נור אויף אזא אופן האט מען די פרײזען געקענט אױסגלײכען װעדליג װי דער פראטאקאל שרײבט פאר. מען האט אבער דאס נים געטהאן אױס פאלגענדע אורזאכען:

אזוי גיך װי מען האט דעם סטרײק געסעטעלט, זײנען די ארבײטער צוריק אײעק צו דער ארבײט און האבען זיך פערלאזען אויף די פרײז קאמיטעס די פרײזען צו סעטלען. דער פראטאקאל פאראג. אין פונקט (עף), ארטיקעל 10, שרײבט פאר, אז „װען מען בעשטימט די פרײזען, גילטען זײ פון דער צײט װאס מען האט די ארבײט אנגעפאנגען". דאס הײסט אלזא, אז װיפיעל עס װעט דער פרײז־קאמיטע נעלינגען דעם פרײז ארויפצוציהען, װעלען זײ די העכערע בעקומען פאר דער גאנצער ארבײט װאס זײ װעלען האבען געמאכט פון אנפאנג. אז צו װאס־זשע דארף מען זיך באדערען בײם סעטלען פרײזען און װארטען מיט דער ארבײט?

וועגען סעטלען פרייזען פאר שטיק-ארבייט אין ווייסט און דרעס אינדוסטריע

ווי די טהעאריע ווערט אין פראקטיקע ניט אויסגעהאלטען.

פון ס. פאלאקאף
(מענעדזשער פון די אסאסיאיישען שעפער)

איינע פון די וויכטיגסטע פונקטען (ארטיקעל 10) אין דעם פראטאקאל צווישען די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישען און די ווייסטמאכער יוניאן לאקאל 25, איז וועגען סעטלען פרייזען פאר שטיק-ארבייט. די לעזער וועלען זיך דערמאנען, אז א קאנפערענץ פון ביידע צדדים איז געזעסען עטליכע וואכען נאכאנאנד מיט דעם צוועק איינצושטעלען א בעסערען ארדנונג אין ווייסט-טרייד, ווייל בנוגע צו ארבייטס-פרייזען האט אין טרייד בעפאר דעם געהערשט א גרויסער כאאס און אונארדנונג. יעדער וואס האט געהאט די מינדסטע שייכות מיט דעם טרייד האט געוואוסט, אז בנוגע אין יעדען שאפ איז געווען אנדערע פרייזען פאר דעם זעלבען זארט גארמענט. עס האט געדארפט די פערטרעטער פון יוניאן-צד, קלאר און אינטעליגענט ארויסצוברענגען דעם פאקט, אז די מייסטע ארבייטער פון טרייד האָבען געארבייט פאר די קלענליכסטע געצאהלט. זיי האבען געשטעלט פעסטע, איבערציינגענדע באווייזען אז א גרויסע צאהל, וואהרשיינליך א מאיאריטעט פון די ארבייטער, האבען פערדיענט ניט מעהר ווי פון 10 ביז 15 סענט א שטונדע און זיי האבען זיך נאטירליך בעמיהט צו קריגען א מינימום-פרייזען געוויס, אט טאקע פאר דיזע שלעכט-בעצאהלטע ארבייטער. די קאנפערענץ האט געהאבען אויסגעארבייט א סקייל (זעהט די ציפערן אויף די ענגלישע פיידזשעס), מיט דעם צוועק ארייפצוציהען דעם פרייז פאר די שלעכט-בעצאהלטע ארבייטער אויף דעם מינימום פון 30 סענט א שטונדע.

די קאנפערענץ-לייט האבען גענומען צוזאמענשטעלען פונקט 10 פון פראטאקאל, וואס בעשטימט די ארט און ווייזע פון סעטלען פרייזען פאר שטיק-ארבייט, האבען זיי בעצוועקט צוויי זאכען: ערשטענס, צו שטעלען דעם „סטענדערד" (די מינימום מאאס אדער צאהל) פאר די ארבייטס-פרייזען און צווייטענס, צו שאפען א מאשינעריע אום דורכצופיהרען אלע איינצעלהייטען וואס דער פונקט ענטהאלט.

לויט דיזען פונקט האבען די ארבייטער פון יעדען שאפ דאס רעכט צו ערוועהלען א פרייז-קאמיטע פאר שטיק-ארבייט. צוערשט דינגט זיך דיזע קאמיטע מיט דעם באס וועגען די פרייזען פון גארמענט פאר אלע ארבייטער פון שאפ. אויב זיי קענען זיך ניט איינינגען, גיהט מען דערווייל אן מיט דער ארבייט און מען קלייבט אויס איינעם אדער צוויי ארבייטער צו מאכען דעם „טעסט" (די פראבע) כדי צו דערגעהן וויפיעל שטונדען עס דארף נעהמען א געניטע גוטע ארבייטערין צו מאכען דעם גארמענט. דער פרייז פאר דער גאנצער שאפ ווערט דאן בעשטימט אן ערך, לויט דעם, וויפיעל דיזע „פראבע ארבייטערין" פערדיענט דורכשניטליך פער שטונדע. אויב ביידע צדדים קענען זיך ניט איינינגען וועגען וועלכער ארבייטערין מען זאל צו דער פראבע זעצען, גיט מען דעם דיספיוט איבער צו דעם ווידזש סקייל באארד, וואס בעשטעהט פון ספעציאליסטען אין פאך פון סעטלען פרייזען. אום צו פערזיכערען פאר די ארבייטער די פערשפראכענע העכערונג אין ווידזשעס, האט מען פארלויפיג איינגעשטעלט א פונקט אין ארטיקעל 10, אז ביז די ווידזש סקייל באארד וועט האבען בעשטימט די ענדליכע „סטענדערד" פרייזען, זאל דערווייל אין קיין שאפ די ארבייט ניט אויסמאכען ווינציגער ווי 30 סענט א שטונדע. אין ארטיקעל 10 ווערט פאלגענדעס גזאגט:

אין אלע שעפער וואו עס מאכט איצט אויס ווניגער פון 28 סענט א שטונדע, זאל ווערען געהעכערט ווניגסטענס 15 פראצענט.

אין אלע שעפער וואו עס מאכט איצט אויס ווניגער פון 30 סענט און מעהר פון 28 סענט, זאל ווערען געהעכערט ווניגסטענס 10 פראצענט.

אין אלע שעפער וואו עס מאכט איצט אויס 31 אדער 32 סענט א שטונדע, זאל ווערען געהעכערט

אינדיאַנער, קאַראַטען, פערד, פרייען, באַרגען, וואַגאָנען, אויטאָמאָבילס און נאָך פילע זאַכען וואָס איך האָב ניט געקענט דערזעהען, מחמת איין פּלאַנט פון מיר איז געזעסען א ליידי מיט א גרויסען הוט, האָט זי מיר אביסעל פערשטערט. מיר זעהן, די קאַוּבאָיעס שיסען, די אינדיאַנער טאַנצען און די קאַראַטען רייטען אויף זייערע קליינע פערדעלעך. און עס איז פרעהליך.

אַט האָב איך די ריכטיגע רענכט! פרעג איך זיך. אַט העלפען זעהן מיינע שפּעפען בעגייסטערונג? וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר! זעהען מיר ניט די אַלע קונצען מאַכעריי ביי אונז אין ניו יאָרק אין אידישען טעאַטער?

חבר'ה, איך זעה שוין, אז אפילו דאָ בין איך אייך אויף צרות, און איך קום צום בעשלוס, אז די בעסטע זאַך וועט זיין צו פאָהרען ווייטער וועסט.

עטוואָס וויכטיגעס און אינטערעסאַנטעס האָב איך געזעהן אין סאָלט לייק סיטי און מיין האַרץ איז צושמאָלצען געוואָרען פון נחת. עפּעס א פרייהייט, עס עקזיסטירט דאָ פאָלשטענדיגע פרייע רעדע. אויף איין קאָרנער שטעהט די סאַלוויישאַן אַרמיי און אַנטקעגען איבער די אינדאַסטריאַל וואָרקערס און ביידע זינגען מיט'ן זעלבען ניגון. דער אונטערשייד איז נור אין די ווערטער. זעהט איהר! אזא זאַך זעהט מען שוין ביי אונז, אין די איסט, ניט. עס איז פאָרט וועסט, וואו מען פיהרט זיך פרייער....

איך זיץ שוין ווידער אויפ'ן טריין, און נאָך א שלעפּעניש פון צוויי נעכט מיט א טאָג, זיינען מיר ענדליך אָנגעקומען אין דער „גאָלדענער" שטאָדט סאַן־פראַנציסקאָ.

פאָהרענדיג פון סאָלט לייק סיטי ביז סאַנ־פראַנציסקאָ, האָבען מיר ווידער געהאַט די זעלבע מדבריות, פאָרט און פאָרט און עס נעהמט קיין סוף ניט. איך האָב שוין געהאַלטען אין רעכנען, אז מיר וועלען זיך אזוי ארומשלעפּען אין די מדבריות פערציג יאָהר, און איך האָב שוין גענומען מאַכען הכנות מקריב צו זיין דעם קרבן פסח, נור מיט אמאָל — הוראַ! עס ווערט זיך אביסעל גראָז, א ביים, אפּאָר שעפּסען, חזירים, הינד, פייגעל, און פון דערווייטענס ווערט זיך שוין אפילו א מענש אויך. דאָ האָב איך שוין פערשטאַנען, אז באַלד וועלען מיר אַריינקומען אין לאַנד כנען. און אזוי איז טאַקע געווען; די טריין שטעלט זיך ענדליך אָב. אַלע פּאַסאַזשירען געהען אַרונטער, מען פיהרט אונז אריין אויף א שיף, ווי מען פיהרט אריבער די גרינע פון האָבאָקען צו קעסטעל גאַרדען. איך טראַכט ביי מיר, אז אין יעדער פּאָרטאָווע שטאָדט וואו אימיגראַנטען קומען, מוזען זיי דורכגעהן א סאָרט קעסטעל גאַרדען. דאָ וועט מען ביי אונז וואַהרשיינליך אויספרעגען ווי אַלט מיר זיינען, צי זיינען מיר געזונד, ווי פיעל געלד מיר האָבען ביי זיך, צו וועמען מיר פאָהרען און נאָך פערשיעדענע פראַגען. איך טראַכט ביי זיך: וואָס האָב איך מורא צו האָבען? איך וועל זיי צייגען מיינע סיטיזען־פייפּערס און גענוג. איך טאַפּ דורך אַלע מיינע פּאַקעטס, פעטשערס ניטאָ קיין סיטיזען־פייפּערס, אזוי ווי אין דר'ערד אריין. דאָ ווערט מיר שוין אפילו אביסעל קאַלאַמוטנע אויפ'ן האַרצען. ווי אזוי קען מען זיך העלפען? וואָס עס וועט זיין מיט אַלעמען, וועט זיין מיט מיר אויך.

די שיף אונזערע איז מיט מזל אָנגעקומען אין האַפען. איך זעה, מען לאָזט אַלעמען אַרונטער אָהן פראַגען. געה איך מיר אויך אַרונטער און פרעג קיין קשיות ניט.

ביים אַריינקומען אין שטאָדט, זעה איך סיינס אויף די שפּיצען פון אַלע הויכע ביילדינגס: „ווילקאָמען 1915". מיין איך, אז די טריין האָט זיך אין די מדבריות געשלעפּט עטליכע יאָהר און וואַהרשיינליך איז היינט נייעס־יאָהר, און זיי בעגריסען דאָס דעם יאָהר 1915. א קשיא אויף א מעשה! איך פרעג איינעם אין גאַס, וואָס פאַר א יאָהר איז יעצט, זאָגט ער מיר 1913. פרעג איך איהם: און וואָס בעדייטען דיעזע סיינס? ערקלערט ער מיר אז אזוי ווי אין 1915 דאַרף דאָ זיין די פּאַנאַמאַ־אויסשטעלונג, בעגריסט מען יעדען וואָס קומט אהער, און מען לאַדט זיי איין בייצואוואָהנען די אויסשטעלונג. יעצט איז מיר שוין קלאָר וואָרום מען האָט אונז ניט געבאָדערט ביים לאַנדען. אזוי ווי אַלע זיינען געלאַדען אַנטהייל צו נעהמען אין דער אויסשטעלונג, רעכנט מען אַז מיר זיינען סוחרים וואָס זיינען געקומען מיט ביזנעס.

הכלל, זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי מיר זיינען שוין דאָ אין סאַנפראַנציסקאָ.

איך ... א בך מענשען געהען אריין דורך א ... טיר. איך געה נאך.

מיר גערען אריין אין אן אינפארמיישאן ... פערשרייבען אונזערע נעמען און פון ... מיר קימען אין א גראבען בוך. ווען מיר זיינען געזעסען ארום 30 אין צאהל, האט ... אונז געגעבען א לידי, זי זאל אונז אלעם ... אין גרינדליך ערקלעהרען. איך האב ניט ... פערשטעהן, ווי קומט עס, אז צווישען די ... זיינען אייך דא פרויען? נור קיין ... דארף מען ניט פרעגען, זאגט דער אפע־ ... אונזער וועגדווייזער שטעהלט זיך אב ... יעדען בוים, יעדע פלאנצונג און ער־ קלערט אונז די בעדייטונג דערפון. איך ווארט צו ערווארטען וואס דער סוף וועט זיין. זי פיהרט אונז אריין אין אזא מין טשוירטש, וואס אין ... רופט מען עס „טאבערנאקעל“. מיר זעצען זיך אלע אויף די בענק. א מאן קומט ארויף אויף דער ביהנע און ערקלערט אונז ... דער ארגעל קאסט און וואו ער איז גע־ מאכט געוואָרען. דער מאן גיט א דריק א באטאן, דער ארגעל גיט א שפיעל און מען רייבט אונז ווייטער געהן. מיר פערלאזען דעם טאבערנאקעל און געהען, די לידי פאראוס. איך טראכט ביי זיך, אז אין דער גרויסער קיר־ כע מיינען זיין די אלע זיבען זאכען און ווארט צו ערווארטען וואס דער סוף וועט דא זיין. מיר קומען צו צו דער גרויסער קירכע. אונזער וועגווייזער שטעלט זיך מיט אונז אב, זי ער־ קלערט אונז ווי לאנג עס האט גענומען דאס אויפבויען, פון וואנען די שטיינער קומען, ווי פיעל עס האט געקאסט און ז. וו. זי ערקלעהרט אונז אבער, אז אריינגעהן אינסייד קענען נור אזעלכע, וואס זיינען מעמבערס פון דער טשוירטש אין אזעלכע, וואס האבען א רעקא־ מענדיישאן פון זייער בישאף. בלייב איך שוין אין גאנצען מיט א נאז. פערשטעה איך שוין, אז אלע גוטע זאכען בעהאלטען זיי נור פאר זיך אליין אין פאר אזעלכע, וואס האבען א „פולל“ ביי'ן בישאף. געה איך צוריק ווי אן אבגעשמי־ סענער.

ניט ווייט פון דאנען, זאגט מיר מיין האָ־ טעל־קיפער, איז דא א „לייק“, וואס איז לויטער וואסער אין אז דארטען קעהרט זיך נאר וועלטען. ... צו זעהען, — טראכט איך ביי מיר. א פאאר מינוטען שפעטער בין איך שוין ביים דיפאָ, בעצאָהל א קוואָדער פאר א טיקעט און פאָהר.

בנוגע צו דער רייזע אויפ'ן טריין, זאָל זיך נור איין אויבערשטער מרחם זיין. מיר זיינען אהין געקומען פערדרויבערטע, פער־ שטויבטע, אזוי ווי מיר וואָלטען געווען וואָכען לאנג אין וועג, טראָץ דעם, וואָס די גאנצע ריי־ זע האָט גענומען ארום א שטונדע.

דער געזאָלצענער לייק איז א טייך, ווי אלע טייכען. דער אונטערשיעד איז נור, וואָס דאָ זעהט מען ארומשווימען סיגארעט־באקסלעך, פיי־ פער בענס, באנאנא שאָלעכין, שטיקלעך ברויט און אנדערע אָבפאָל.

מיר געהען ארויף אויפ'ן דאק — „קוני אייל‌אנד“ מיט אלע ברעקעלעך. קינדער פאָהד רען ארום אויף קאראוסעלעס, קאטערינקעס שפיעלען, גרעסערע מענשען פאָהרען אויף די 'לופ די לופ", אנדערע פאָהרען אויף מעכאנישע שיפלעך, די יונגע לייט טאנצען אין אויבער־ שטען צימער, מאנכע באָדען זיך אין די שמוי־ ציגע געזאלצענע וואסער. איהר געפינט דאָר־ טען בשוף־מאבער, וואָס פערשטעהען חכמת היד, פאָטאָגראפטשיקעס נעהמען ארונטער 3 פיקטשורס פאר א קוואָדער, פייקערס האָבען דאָרטען פערשיעדענע גיימס אוועקצונעהמען ביים עולם די פאאר סענט, פעדלערס פערקויי־ פען פינאטס, קינדער לויפען ארום און עס טו־ מעלט זיך ווי אויף א ירידה. טראכט איך מיר, אז אויב שוין יע ווערען בעגייסטערט איז וואָ־ רום טאָקי ניט אין אונזער קוני־אייל‌אנד?

בקיצור איך געה ארום הונגעריג מיט א פערביטערטע הארץ. איך קויף מיר א בעג פאפ־קאָרן און ווארט ביז די טריין וועט אונז צוריקשלעפען אין סאָלט לייק סיטי. ווען איך וועל אם ירצה השם קומען אין שטאָדט אריין, טראכט איך מיר, וועל איך מוזען געהען זוכען בעגייסטערונג אין אנדערע פלעצער, וואו מען זעהט די ריכטיגע קונסט. קומענדיג אין שטאָדט אריין, לאָז איך זיך ארויס אויפזוכען די טעמפ־ לען פון קונסט. פאר א געוויסען פלאַץ, בעלויכ־ טען מיט טויזענדע עלעקטרישע לאָמפען, שטע־ הען מאסען מענשען און קוקען זיך איין אויף א קליינעם לייב, וואָס שטעהט אין שטייג. איך צאָהל איין א ניקעל און געה אריין. עס איז שא, שטיל. מען קען הערען ווי א פליעג פליהט פערביי. עס ווערט פינסטער אין טעמפעל. אויף א לייוונט קומען ארויס „קאראבאָיעס“.

צו מאכען א פאר דאלאר אין צו רייסען אבער דער ריווער־סייטניקעס.

מען האט מיר אויך דערציילט, אז לעצטען יאהר, ווען די יוניאן האט סטרייקט פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטסטאג, זיינען די זאגענאנטע „ריווער־סייט־ניקעס" געווען די גרעסטע פער־רעטער. אין דער צייט ווען די ווירקליך ארימע ארבייטער האבען זיך געפלאגט און געשטיצט, האט מען די „ריווער־סייט־ניקעס" געזעהן גע־הען געהן. זאגאר האבען זיי געסטראשעט מיט געהן ברעכען. אין איין ווארט, די יוניאן האט ניט געהאט קיינע כח, און דער סטרייק פערלאָרען געגאנגען. אין טראץ דעם, וואס דער בעסערער עלעמענט פון דענווער'ער שניידער טרייען יעצט די יוניאן ווידער שטארק צו מאכען, דאָך, ווי איהר זעהט, האב איך קיין סך נחת ניט גע־קריגען אין די מינוט ווען זיך נאך אהין צו מיר ניט ענטפערען.

זאגט מען מיר אין דענווער, אז ניט ווייט איז דא א שטעדטעל, וואס רופט זיך קאלאראדאָ ספרינגס; אז עס איז דער שענסטער און געזונדסטער פלאץ אין דער וועלט; אויך, אז דארטען האט די אינטערנעשאנאל טיפאגראפיקאל יוניאן א וואונדערבאר שעהנעם סאנאטאריום פאר איהרע קראנקע מיטגליעדער. שלאָג איך זיך מיט דער דעה: צו פאהרען, אדער ניט פאהרען? ענדליך, נאך א לאנגען בעדענקען, בלייבט ביי מיר, ניט צו פאהרען. ווארום טאקי, ווי קומט א ייד ווי איך צו זעהן עפעס שעהנעס, עפעס וואונ־דערבארעס? וואס פעהלט אונז עפעס אין מעדיסאן אדער מאנראָ סטריט? אזא זאך ווי צו זעהן דעם טיפאגראפיקאל סאנאטאריום דאר־פען זיך פעהלען נור אזעלכע וואס בעלאנגען צו שמואל גאמפערס'ס חדר; פערטרעטער פון יוניאנס, וואס זיינען גאנצע שמעלקעס מיט איהרע „פיהרער" ווי דינטש וחבירתו, אבער ניט אינדוסטריעל־קלאסען־בעוואוסטע און רעוואלוציאָ־נערע יוניאן לייט. מיר מוזען לייגען אין שפייז, צו ווייזען דעם קאנטראסט פון אר־מוט ביז רייכטום. בקיצור, איך נעהם די טריין און פאהר ווייטער נאך סאלט־לייק סיטי.

דער גאנצער וועג פון דענווער ביז סאלט־לייק סיטי פאהרען מיר צווישען בערג, וואס שפארען אן אזש ביז דעם הימעל. אויף די שפיצען בערג איז אנגעלעגט שנעע. דאכט זיך, אט דא איז פאראן איבער וואס צו פאנטאזירען. בערעכען איך מיר אבער, מה יש? זעהן מיר ניט דעם שנעע א גאנצען ווינטער לאנג אין ניו יארק? דער אונטערשייד איז נור דער, וואס אין ניו יארק פאהרען מיר איבער דעם שנעע און דא פאהרען מיר אונטען און דער שנעע ליגט איבען. אבער אהין דער זעלבער קאלטער שנעע.

פטור געוואָרען פון די בערג מיט די שנעע, פאנגען מיר אָן פאהרען אין די מדבריות. די טריין לויפט (איך מיין זי קריכט) שטונדען לאנג און איהר זעהט פאר זיך ניט קיין בוים, קיין פייגעל און אפילו קיין גרעזעלע איז ניט צו זעהן. וואונדער איבער וואונדער! טראכט איך מיר. עס איז ווירקליך אינטערעסאנט דאס צו בעזינגען, אדער ווייניגסטענס צו בעשרייבען. נעהם איך אבער צוריק טראכטען, זיינען דען די אידען אמאל ניט געגאנגען צו פוס פערציג יאהר אין דער מדבר, אָהן גראָז, אהן בוימער. מיר האבען דאָך דא ווענינגסטענס א טריין, וואס קריכט מיט אונז. איך בעשליס אלזא די גאנצע פאָעזיע צו לאָזען פאהרען, ביז וואנען מיר וועלען בשלום אנקומען נאך סאלט לייק סיטי. דארטען, טראכט איך מיר, איז דאָך עפעס א שטאדט פון מארמאָנען, וואס יעדערער האט צום ווייניגסטען צעהן ווייבער, — א גוטע טהעמא פאר פאָעטען... דארטען וועלען מיר שוין געפינען וואס אונזער הארץ געלוסט, און עס וועט זיין ליהודים'דיג.

ארום צוועלף אוהר ביינאכט האבען מיר זיך ענדליך דערשלעפט אין סאלט לייק סיטי. די גאסען זיינען פערלאָזען ווי אויף א בית עולם, און איך האב מיך קאם מיט צרות דערשלעפט אין א האטעל. דער פארטער פיהרט מיך ארויף אין א רום. איך ווארט א גאנצע נאכט; מען רעדט ניט און מען זעהט ניט קיין סימן פון די מארמאָנען. וועל, טראכט איך מיר, מארגען, אם ירצה השם, וועל איך זיך ארויסלאזען איבער'ן שטאָדט און זעהן בעזוכען דעם בע־ריהמטען מארמאָנען טעמפעל. דארט וועט מען שוין לעבען ווי גאָט אין אדעס. איך דערפרעג זיך וואו דאס איז. פון דער ווייטען זעהט זיך א גאנץ הויכע קירכע, מיט א גרויסע צאָהל גרעסערע און נידעריגע טורעמס, און אנשטאט צלמים אויף די שפיצען, איז דארט געשטעלט אין פראָנט, אויפ'ן העכסטען שפיץ, אנ־שטאָדט א יעזוס דארטען דא א פיגור פון איי־נעם פון זייערע אפאסטאלען. די קירכע איז אריינגעצאמט מיט א הויכע געמויערטע וואנד

[illegible] מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַ לאָ־ [illegible] נעב. דאָרט קען מען אויך [illegible] באַאַר־איענד לײדיעס טײלאָרס, ניר, [illegible] אין נעבראַסקאַ איז די לעצטע [illegible] אַ פּערפײיצונג, האָב איך אויס־ [illegible] יעצט איז ניט די גינסטיגע צייט [illegible] מיט יונגען יוניאָניזמוס, און איך [illegible] ניט אָבגעשטעלט.

[illegible] באַדערענדיג אזים אבט הונדערט מײל [illegible] יינען מיר מיט מיל אנגעקו־ [illegible] עני־ערט. איך האָב מיר גלייך גע־ [illegible] דאָקטאָר ספּײיאַק, ער זאָל מיר זייי־ [illegible] קאָמפּאַני באַנאַטאָריום, אום צו [illegible] אַנדערע בריוער קלאָוקמאַכער לעבען [illegible] ניר גראָד, מעשה שטן, האָב איך [illegible] אים דיין הצלחה ניט געהאַט. אין [illegible] האָב איך דאָרטען געטראָפען 3 קלאָוק־ [illegible] איינעם פון שיקאַגאָ, איינעם פון קלײו־ [illegible] איינעם פון ניו יאָרק.

[illegible] פרעג איך דאָקטאָר ספּיוואַ־ [illegible] זיי קומט עס עפּעס, וואָס די [illegible] יינען בריננ געוואָרען אויף דענ־ [illegible]

[illegible] עס איז שוין אזוי זייט צוויי יאָהר. [illegible] דיינע האָבן אויפגעהערט צו אר־ [illegible] ניו יאָרק גאַנצע נעבט, איז אויך דאָ [illegible] אין מיר האָבן פּלאַץ ארײנ־ [illegible] אַרעע אַפּליקאַנטען. די איינציגע [illegible] ניט, וואָס די אָרגאַניזירטע [illegible] אינטערעסירט ניט פינאַנציעל [illegible] באַנאַטאָריום, זאָנסט וואָלטען מיר [illegible] געווען — האָט דר. ספּיוואַק גע־ [illegible]

[illegible] האָב איך געזעהן, ווי אַלע פּאַציענטען, [illegible] אין דרייסיג אין צאָהל, האָבן געגע־ [illegible] באַג. ווי די קראַנקע האָבן מיר ער־ [illegible] ניט מען זיי אויסגעצייכנטע עסען. [illegible] איך בעזוכט די רומס, וואו די קראַנקע [illegible] אײ געזעהן ווי זיי ליגען די קעפּ אין [illegible] איך האָב בעזוכט זייער נייע שול, [illegible] אַ געוויסער שיקאַגאָר פילאַנטראָפּ האָט [illegible] אייסגעבויט, זייער לייברערי און נאָך [illegible] האָבן.

[illegible] דאַכט זיך, קען מען שוין געפינען גע־ [illegible] איבער וואָס צו שרייבען... רעבען [illegible] אבער גלייך איבער: מה רעש! מען [illegible] אינז אין ניו יאָרק גענוג שולען, גענוג לייברעריס און קראַנקע איז אויך דאָ איבער גע־ נוג. געהט נור אריין אין די שעפּער, וועט איהר זעהן, ווי טויזענדער ארבייטער שפּייען אויס זייערע לונגען איבער די פערפלוכטע דיזיינערס און באָסעס, און קיינער מאַכט גאָר דערפון קיין וועזען ניט. מיר זעהן אויך אין ניו יאָרק, ווי טויזענדער מענער, פרויען און קינדער שלאָפען אין גאַנצען אויף עקספּרעסען, דעכער, פייער־ עסקייפּס און אפילו אויף די סיידוואָקס. אנ־ שטאָרט בלויז די קאָפּ צו האַלטען אויף דער פרישער לופט, האָבען מיר, ניו יאָרקער, דאָס גליק צו האַלטען דעם גאַנצען קערפּער אויף דער פרישער לופט.

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, האָב איך דאָרט אויך קיין בעגייסטערונג ניט געקענט געפינען. לאָז איך זיך ארוים זוכען די לײדיעס טײלאָרס. דאָ, טראַכט איך מיר, וועל איך שוין געפינען גענוג אינטערעסאַנטעס.

די יוניאָן האָט גערופען א מיטינג און ארום דרייסיג לײדיעס טײלאָרס זיינען אנוועזענד געווען. איך האָב דאָרטען געטראָפען ריפּער־ מייקערס, געוועזענע אפּערייטאָרס פון ווייני־ שטיין בראָדערס, וועלכע זיינען אין דענווער יעצט געוואָרען לײדיס טײלאָרס; א פּאָאר גע־ וועזענע מעמבערס פון לאָקאַל 9; א פּאָאר פון שיקאַגאָ און איינינע פון סענט־לואיס.

אנפאַנגענדיג דעם מיטינג האָב איך גערע־ בענט, אז דיעזע מענשען וועלען דאָך שוין זיכער זיין אינטערעסאַנט. עפּעס האָבען זיי דאָך דורכגעריזט א שטיקעל וועלט, געהאַט קאָנ־ באַמפּשאָן און גענאָסען יעצט א סך זונענשיין! לאָזט זיך גאָר אויס גראָדע פערקעהרט: זיי זיינען די זעלבע „לאַפּאַצאַנעס" וואָס זיי זיינען אמאָל געווען. זיי זאָגען, אז פאַר זיי איז וויכ־ טיגער צו פערדיענען א דאָלאַר א וואָך מעהר, און ארבייטען צעהן שטונדען א טאָג, איידער אכט שטונדען.

סטייטש! — פרעג איך ביי זיי — איהר זייט דאָך אַלע אויש קאָנסאָמפּטיוו געוואָרען ארבייטענדיג לאַנגע שטונדען, וואָלט איהר דאָך געדאַרפט שטרעבען צו פערקירצען די ארבייטס שטונדען!

האָבען זיי מיר געענטפערט פאָלגענדעס:

— דערפאַר זיינען מיר דאָך טאַקע אין דענווער, וואו די לופט איז א טרוקענע און א געזונטע. אלעס וואָס מיר שטרעבען יעצט, איז

דען! דער „בירגמייסטער" פון „דער וואך" איז ווידער דא! ווידער האט ער געשטיפט ווי נאר אין א ארגאניזאציאנס ביזנעס, און וועלכע ער האט קיין שום ידיעה ניט.

די אינטערנעשאנאל אפיסערס האבען האר־מאניש דיסציפלינירט א האראר פאר עובר זיין די געזעצע פון אינזער קאנסטיטושאן און צו־נעמען זיין טשארטער. נו, האבען זיך די הפקר־מענטשען אין די קיבעצארניעס צוקאכט!... דער „אונפעראנטווארטליכער פאטשקון" האט ווידער געווארפען שמוץ און בלאטע אויף אונ־זערע פעראנטווארטליכע בעאמטע. וואס איז אבער געווען דער סוף? דער קאנווענשאן האט די אפיסערס גערעכט געגעבען. די מיספער־שטענדניס אין אונזער ארגאניזאציאן איז פער־גלייכט געווארען אויף א רעכטע צופריעדענ־שטעלענדען אופן און ער, דער „פאטשקון", איז געבליבען מיט א נאז, אז איין נאט האט געמיינט אויף איהם רחמנות האבען...

איצטער איז דיזער אונפעראנטווארטליכער אידיאט פון „אויף דער וואך" ווידער אנגע־פאלען אויף אונזער סעקרעטער דייש. ווידער שטופט ער זיין נאז וואו מען דארף ניט און ווידער רייט ער צו זיין מפלה. נראה פאקטיש, אז אונזער סעקרעטער דייש איז א[illegible] און קען איהם ניט ענטפערן. דיזער נבל ווייסט, אז דייש איז ניטא, נור ער האט שוין אזא טבע ניט צו קעמפפען פנים לפנים, נור צו געבען א שטאך אין רוקען. דאס איז די טבע פון אלע פערלוימדער. מיר וועלען איבערלא־זען דעם ריכטיגען ענטפער צו אונזער סעקרעטער דייש, ווען ער וועט צוריקקומען. מיר ווילען בלויז זאגען, אז די ניט־וויכטיגע פערשיעדענע מיספערשטענדניס אינערהאלב אונזער ארגאני־זאציאן וועט זיכער לאנג ניט אנהאלטען, און מיר לעבען שוין אין אונזערע ארבעט, פארשטענ־דיגענדיג זיך מיט וואס פאר א „נאז" דער „הפקר־פאטשקון" וועט בלייבען.

פון שיקאגא ביז סאן-פראנציסקא

א בריעף פון די ווייטע וועסט

פון א. ראזענבערג

זינט איך האב פערלאזען שיקאגא, האב איך זיך שטארק אנגעשטרענגט צו ווערען פאר־עטיש און בעשרייבען די וואונדער פון דער נאטור. נו, קאטש צורייס זיך, עס געהט ניט פון ארט. איך האב אפילו אויפ'ן וועג געזעהן א סך זאכען וועלכע א מענש מיט א פאעטישע נשמה וואלט מאנאטען און יאהרען לאנג גע־דאכטען און זיין בעזינגען, ווי צום ביישפיעל: ווי די מיראשקעס מאכען זייערע נעסטען אויף די שפיצען ביימער; אדער ווי די טריין שלעפט זיך, אז עס נעמט אן א ניטקייט אין איהר צו זיצען; אדער ווי די אויסגעדאר־טע פעלדער שרעפען די נאבע אין א פערטריי־קענטער פארמער אקערט די ערד.

נור מיך האט עס ניט אנגעטריבען צו נעה־מען. איך האב מיר געטראכט, אז אזעלכע זא־כען האבען מיר שוין לאנג געזעהן. צו וואס ווערען בעגייסטערט איבער א מיראשקע, וואס מאכט איהר נעסט אויף א שפיץ ביים? זעהען מיר ניט אין ניו יארק, ווי די וואנצען מאכען דוקא זייער נעסט אין די בעדרומס! וואס אנבעלאנגט די שלעפעניש פון דער טריין, זעהען מיר יעדען טאג אין ניו יארק, ווי די ארימע פערדלעך שלעפען נעבאך די דעלענסי סטריט קאר און די פאסאזשירען זיצען דארטען און גענעצען פון לאנגווייליגקייט.

מיר זעהען אויך ווי טויזענדער ציי[illegible] [illegible]ינע אפערייטארס אקערען מיט'ן נאז די ערד, פערזעען רייכטהימער פאר זייערע באסעס א־ערווארטען אפילו ניט אמאל וועלכע עס איז פרוכט צו שניידען; ווייל זיי ווייסען שוין אז גלייך ווי עס וואקסט עפעס אויס, נעמען עס צו די יעניגע, וואס האבען דערביי א האנד אין קאלטע וואסער ניט אריינגע־[illegible] מיט איין ווארט, די גאנצע פאנאראמע האט מיר ארויסגערופען עקעלדיגע געדאנקען.

מיר זיינען זאגאר דורכגעפאהרען א [illegible] שטעדטלעך, ווי צום ביישפיעל: אמא[illegible]

[illegible] זײט זעהר שװער געארבײט און [illegible] האט זיך נאטירליך ניט געפיהלט מיט אלעמען. [illegible] אז די רײזע איבער'ן ים און די נײע [illegible] אין אײראפא װעלען איהם צו זיך ברענגען און אז ער װעט צוריק קומען מיט פרישע קערפערליכע און גײסטיגע קרעפטען און װעט זיך קענען ארײננעהמען אין זײנע אפיציעלע פליכטען מיט פרישע, לעבעדיגע ענערגיע.

דער „הפקר־פּאַטשקון" פון דער איסט סײד

(אן אנצוהערעניש אויף אן ענטפער)

[illegible] ניט ערגעץ א קלוגע [illegible], אז „װען דו זעהסט א מאן שלאגט זײן [illegible] אז די נעהמסט זיך אן איהר קריװדע, זײ [illegible] איבערראשט אויב זי דרעהט זיך אויס און [illegible] דיר רײבען א מארדע". מען דארף [illegible] אביסעל װײטער און ציהען דערפון אן [illegible], נעמליך: „שטופּ ניט דײן [illegible] אין אנדערע מענשענ'ס געשעפטען, װײל דו [illegible] נאך אמאל ארויס מיט א נאז"...

[illegible] האט א בעזונדערע שײכות צו דעם „הפקר־פּאַטשקון" פון דער „פרײע ארבײטער שטימע", א נפש אהן שום פעראנטװארטליכ[illegible], װאס איז פון קײנעם ניט געװעהלט און [illegible] ניט אין נאמען פון אן ארגאניזאציאן. דיעזער נפש האט זיך אלײן געשטעלט „אויף דער װאך" און פּאַטשקעט יעדע װאך אן עט־[illegible] „ראדיקאלע" רכילות, שמוץ און בלאטע אויף [illegible], װאס ער דארף זיך פריהער װאשען די [illegible] אײדער ער דערמאנט זײער רײנעם נאמען. די פראגע איז נאר: װעמעס אינטערעסען דיענט ער? די קלאוקמאכערס אינטערעסען — [illegible]! מיר, פון די אינערע קרײזען, װײסען אז פאר די קלאוקמאכער האבען זײנע [illegible] אינאויפריכטיגע, איבערגעקײעטע [illegible] קײנמאל קײן פיצעל װערטה ניט גע־[illegible] די אינטערעסען פון דער ארבײטער־[illegible] בכלל דיענט ער אודאי ניט! מיר [illegible], אז עס איז ניטא אײן ארגאניזא־[illegible] אויף דער איסט סײד, װאס זאל זיך מיט [illegible] אינפעראנטװארטליכע מײנונגען רעכענען. [illegible] ער דאך מסתמא צו דיענען זײנע [illegible] אינטערעסען. נו, קענען מיר פערזיכע־[illegible] אז אפילו אין דער הינזיכט איז ער אויך [illegible] צרות.

[illegible] ראלע פון שמוץ־װארפען.

אז מען טרינקט זיך, באפט מען זיך אן [illegible]". אזױ פיעל נײע מענשען, אײנ־גערע פון איהם, האבען אין אמעריקא בעקומען אײנפלוס און העלפען בילדען די מאסע אויף פערשיעדענע אופנים. ער אבער, כאטש צורײס זיך, עס געהט ניט פון פלעק. ער זינקט אלעמאל טיעפער אין דעם זומפּ פון „הפקר פּאַטשקערײ". אבער די בלאטע, װאס ער װארפט אויף אנ־דערע, פאלט צוריק אויף זײן אײגענעם קאפּ, און ער קען זיך פון איהר ניט ארויסדראפּען.

באלד נאך דעם װײסטמאכער סטרײק אין 1910 איז ער, מיר־ניט דיר־ניט, אויף זײן גע־װעהנליכען אינפעראנטװארטליכען שטײגער, ארויס מיט א פּאַסקװיל נעגען די עהרליכע פער־אנטװארטליכע בעאמטע און געװארפען חשד אויף די פערװאלטונג פון די פינאנצען. האט ער דערמיט עפּעס א סך אימיצענס אדער זײנע אינטערעסען געדיענט? עס האט ניט לאנג גע־דויערט און עס האט זיך ארויסגעװיזען, אז זײן „לאנגער צונג" האט איהם געביך פערדראטהען. ער האט זיך שוין דאן געהאלטען אין טרינקען און האט זיך אנגעכאפּט פאר דער בריטװע, אבער די בריטװע האט איהם דערלאנגט אן אונ־פערגעסליכען שנײד אין מוח.

נאך דעם גרויסען קלאוקמאכער סטרײק האט גאט איהם װיעדער צוגעשיקט, װי דעם שכור זײן װײן, די פינאנצען, און ער האט װיעדער געזוכט צו װארפען שמוץ אויף די פעראנטװארט־ליכע בעאמטע. װאכען לאנג האט ער זיך גע־פלאנטערט אין ציפערען, אין װעלכע ער האט געביך, װי מען קען זעהען װעניג בעגריף געהאט, ענדליך האט ער געפרובט זיך פון דער בלאטע ארויסדראפּען. אבער פערפאלען! ער שטעקט נאך אין איהר עד היום! די קלאוקמאכער האבען נאך ניט פערגעסען די צודרעהטע קרי־טיק פון א צודרעהטען מוח, און װיעדער האט איהם די בריטװע דערלאנגט א שנײד אין זײט.

בעפאר דעם טאראנטא קאנװענשאן װיבוא

אונזער סעקרעטער־טרעזשורער אין יוראָפּ

א פאָהר־געזונד מיטינג אין קאָני איילאנד.

עטליכע מעהר ווי א יאהר, איז אונזער ערשטען קאנווענשאָן אין טאָראָנטא, אין איינשטימיג אנגענומען געוואָרען פרעזידענט ראָזענבערג'ס רעקאָמענדיישאָן, אז אונזער יוניאָן זאל זיך שטעלען אין פערבינדונג מיט די פרויען קליידער־ארבייטער פון איראָפּא. גראד האָט פאסירט, אז אויך אין איראָפּא, בעזאָנדערס אין דייטשלאנד, האָבען זיך געווייזט פראָמינענטע ארבייטער־פיהרער ארומגעטראָגען מיט דער אידעע צו שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט אלע אָרגאניזירטע קליידער־ארבייטער פון דער גאנצער וועלט. גלייך דאַרויף האָט דער רעדאַקטאָר פון דיזען זשורנאל געפרובט שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט די דאמסקע שניידער אין האויפטשטאט פון לאנדאָן. ליידער זיינען די אָרגאניזירטע שניידער ארבייטער אין לאנדאָן פערנומען מיט זייערע אייגענע פראָבלעמען און עס הערשט צווישען די פעראייניגטע בעזונדערע אָרגאניזאַציאָנען נאָך קיין פאַרשטענדיגע האַרמאָניע איז אויך פאַר זיי די פראגע פון שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט אויסלענדישע אָרגאניזאַציאָנען וואַהרשיינליך ניט געווען אין צייט אָדער אם פּלאַץ. מיר האָבען אויך ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי וואַרטען אויף א בעסערע געלעגענהייט.

אין עטליכע מאָנאַטען צוריק האָט אונזער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן ערהאַלטען אן איינלאַדונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פערבאנד פון שניידער, שניידערינען און ווייס־ארבייטער פון בערלין, אנצושליסען זיך אן דיעזע אָרגאניזאַציאָן און שיקען א דעלעגאַט צום קאָנגרעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין וויען דעם 15טען יולי. קיין בעסערע געלעגענהייט דעם בעשלוס פון טאָראָנטאָ קאָנווענשאָן דורכצופיהרען האָט ניט געקענט זיין; און ביים מיטינג פון דזשענ. עקז. באָארד אין סינסינעטי איז בעשלאָסען געוואָרען, ניט נאָר צו פערבינדען זיך מיט אונזערע אייראָפּעאישע ברידער און שוועסטער, נאָר אויך צו שיקען אונזער סעקרעטער־טרעזשורער, דזשאָן א. דייטש, אלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס.

פרייטאג, דעם 4טען דזשולאי, האָבען זיך א סך פון דייטש'ס פערזענליכע פריינדע אין פערזאַמעלט ביי רייזענוועבערס אין קאָני איילאנד, וואו מען האָט לכבוד איהם געפּראַוועט אן אבשיעד־מאהל, אום צו ווינשען איהם א גליקליכע רייזע. אונגעפעהר 60 געסט זיינען געוועזען אנוועזענד, צווישען זיי אויך מאיר לאָנדאָן, הענרי מאָסקאָוויץ, יוסף באראָנדעס און פיעלע פון די סעקרעטערען און בעאַמטע פון די לאָקאַליאַנס פון ניו יאָרק און פילאדעלפיא. פרעזידענט ראָזענבערג איז געוועזען טאָסט־מאַסטער און די רעדנער האָבען אלע אנערקענט די פערזענליכע גוטע מעלות פון אונזער סעקרעטער: זיין אָפּגעהערציגקייט און אויפריכטיגקייט. הגם זיי האָבען בעמערקט, אז מאנכע מאָהל איז זיין טעמפּעראַמענט אייליג און אונגעדולדיג, איז ער אָבער אויך א טיעף סימפּאַטישער און פאַרטייאישער מענש און א טיכטיגער אונערמיעדליכער טוער אין דער ארבייטער זאך. „הלואי", האָט איין פראָמינענטער רעדנער בעמערקט, „האָבען מיר א סך אזעלכע פעהיגע מענשען אין אונזערע רייהען, וואָלט די ארבייטער־בעוועגונג געווען שטארק בענעפיטירט."

צום ענדע האָט וויס־פּרעזידענט פּאָלאַקאָף אין נאָמען פון די געסט און אלע זיינע פריינדע און בעקאַנטע, פּרעזענטירט סעקרעטער דייטש און מרס. דייטש מיט א זילבערנעם בעכער און א גאָלד־בעציערטע פאָונטיין פּען. „מיט דיזער פּען", האָט פּאָלאַקאָף אהן א שמייכעל ערקלערט, „ווילען מיר איהם ערמוטהיגען צו שרייבען זיינע געוועהנליכע שאַרפע עדיטאָריעלס". דער עולם האָט פון דיזער בעגעגנונג שטארק הנאה געהאַט...

ברודער דייטש איז אָבגעפאָהרען שבת, דעם 5טען דזשולאי, מיט דעם דאַמפּפער אָלימפּיק, וועלכער שטעלט זיך אויך אָב אין שערבורג, פראַנקרייך. פון דאָרט איז ער גלייך אָבגעפאָהרען אין וויען. אויף זיין רייזע צוריק וועט ער בעזוכען דייטשלאנד, פראַנקרייך און ענגלאנד און וועט שטודירען די לעצטע מעטאָדען און די נייעסטע ערשיינונגען אין דער טריידיוניאָן בעוועגונג.

פאַר די לעצטע עטליכע מאָנאַטען האָט

[illegible] אגיטאציע, אז די ארבייטער פון [illegible] זיך פעראייניגען, אנערקע־ [illegible] דעם אמת פון דעם אלטען [illegible] הוא העיקר, אלא המעשה" [illegible] דרשה'נען איז די הויפט־זאך, נאָר [illegible] אינזערע בעאמטע, די זאָגענאַנ־ [illegible]", האָבען אימער געהאל־ [illegible] מארקס'עס אויפרוף: „אר־ [illegible] פעראייניגט אייך!" ניט [illegible] מאי האלטען זיי דערפון, נאָר [illegible] יאהר; און זיי טרייען דאָס [illegible] א סיסטעמאטישען אופן.

[illegible] די סענסאציע פון לעצטען [illegible] מאָנאט איז געווען: די [illegible] בריעף וואָס די וואָירלד [illegible] טריביון האָבען אָנגע־ [illegible] דעם 29טען דזשון, וואָס [illegible] מארטין מאלהאלל האָט גע־ [illegible] פון די העכסטע בעאמטע פון [illegible] מאנופעקטשורערס אסאָסיאיי־ [illegible] ער איז געווען זייער גוט־בעצאָהל־ [illegible] דיזע פריוואטע דאָקומענטען צייר [illegible] ציועה פון די נייש'אָנעל מאנופעקט־ [illegible] אסאָסיאיישען איז געווען, צו פערניכ־ [illegible] יוניאָנס, דורך אלערליי חיטרע, [illegible] אראָבצופיהרען זייערע פיהרער [illegible] וועג, איבערצוקויפען קאָנגרעסלייט, [illegible] קירבענגייסטליכע, דאָקטוירים און [illegible] מענשען מיט איינפלוס, אז זיי זאָלען [illegible] זייער זייט, ווען נאָר עס האָט זיך

געהאַנדעלט וועגען ארבייטער־שוץ־געזעצע; אָנ־צושטעלען שפּיאָנען אין די יוניאָנס, דער עיקר דאן ווען מען האָט בדעה געהאט אָנצופיהרען גרויסע אגיטאציעס, און צו ברעכען סטרייקס.

פאַר אונז איז דער דאָזיגער צוועק פון די אָרגאַניזירטע מאַנופעקטשורערס גאָר קיין נייעס און קיין וואונדער ניט. דער וואונדער איז נאָר, וואָס זייער צבוע'טסטווא און זייערע שענדליכע מעטאָדען זיינען ענדליך אויפגעדעקט געוואָרען. איצט, ווען זייערע „פרומע, נאָטס־פאָרכטיגע" פּרעזידענטען און טהוערס וועלען אויסגיסען זייער גרויסען גרימצאָרן אויף די אר־בייטער־יוניאָנס, וועט דאָס פובליקום על כל פנים וויסען, וואָס פאַר א ווערטה זייערע פרומע געשרייען האָבען.

אויף אַנאַנדער אָרט גיבען מיר גענויערע איינצעלהייטען וועגען דער גאַנצער אפערע. דערפון איז ארויסצוזעהען, אז הגם די טרייד־יוניאָן וועלט האָט קיינמאָל ניט פּרעטענדירט אז אלע איהרע פיהרער און טהוער זיינען אב־סאָלוט ריין פון זינד, צייגען זיך אָבער די העכ־סטע פיהרער פון דער אמעריקאַנער ארבייטער־בעוועגונג — גאָמפּערס, דאָנקען און מיטשעל — במעט ווי צדיקים, מענשען מיט די ריינסטע מאָטייוען, מענשען אָהן א שום לייכטזיניגקייט, וועלכע מען קען ניט ריהרען פון זייערע עהרלי־כע איבערצייגונגען און גלייכען וועג. מיר ווע־לען נאָך האָבען גענוג צו שרייבען וועגען דעם. די אונטערזוכונג הויבט זיך ערשט אָן אויף דאָס נייע. אי קאָנגרעס, אי דער סענאט אונטערזו־כען די אפערע און עס וועלען נאָך פאַלען סענ־סאציעס ווי האָגעל.

געווינען אלע זייערע פאָדערונגען אָהן א סטרייק.

[illegible] סינסינעטי לאָזט מען אונז וויסען, אז [illegible] האטערס יוניאָן, לאָקאל 48, האָט אלע [illegible] פאָדערונגען געוואונען אָהן א סטרייק.

[illegible] ווי די יוניאָן האָט איהרע פאָדערונ־[גען] [illegible] געשטעלט צו די מאַנופעקטשורערס, האָבען [illegible] מאַנופעקטשורערס. פעראייניגט אין א [illegible] אסאָסיאיישאָן און פון אנפאַנג האָט עס אויס־ [illegible], אז זיי געהען פייטען. נור נאָך דעם, [illegible] יוניאָן האָט מיט זיי אבגעהאלטען צוויי [illegible], האָבען די מאַנופעקטשורערס

איינגעזעהען, אז די ארבייטערס פאָדערונגען זיינען גערעכטע און זיי האָבען נאָכגעגעבען א רייז פון וויידזשעס אויף דריי דאָלאַר א וואָך און אנדערע פערבעסערונגען. בלויז צוויי מאַנופעקטשורערס, וואָס זיינען ניט קיין מעמ־בערס פון דער אסאָסיאיישאָן, מאַכען זיך נאָך נאַריש, און מיינען, אז זיי וועלען בעקעמפפען די יוניאָן. עס וועט ניט לאַנג נעהמען און זיי וועלען אויך קומען צום שכל און סעטלען.

װײטערדיגע טריטן. װען זײ באַפּען זיך אָן אין איא „שטרײק“.

מיט פּרעזידענט אײב זיגמאַן פּירערער, װעלן מיר מײנען איבערנעמען גאַנצע פּעסמענער אין טרײען ברענגען דעם סטרײק. און װען עס װעט שײן זײן צו שפּעט, װעלן זײ זיך אַרײַנציען, אַז זײ האָבן שרעכט אַבגעשניטן אין אַ ביטערן קאַמפּ מיט אַ מעכטיגע אינטערנעשאַנאַל יוניאָן.

מיר װאָרענען אונזערע מעמבערס, אַז זײ זאָלן זיך היטן פאר שפּיאָנען, װאָס די פּרעזידענט האָט מעגליך אַנגעשטעלט, און פאר פּראָװאָקאַטאָרן, װאָס זײ װעלן זוכן אַרײַנשטיפּן. װאָרען זײ אײַנפּאַסן אויף „רעװאָלוציאָנערע פּיעד־שפּיעלער“ פון דעם „רײבן“־טיפּ, װעלכע נערען רעװאָלוציאָנערע אַרום מיט אַ „אינדוסטריעלן“ ראַט שטים פּנים און דינערן געגען די אַנערקענטע און פּראָגרעסיװע פירער. אונזערע קאַמפּס־מעטאָדן, אונזער גלייבן אין קאָנפערענצן און פערהאַנדלונגען זײנען גענוג באַקאַנט פאר דער װעלט. און די דעמאָקראַטישע מעטאָדן פון „פרעזידענט עט קאָמפּאַני“ די מעטאָדן פון די נײשאַנאַל מאַנופאַקטשורערס אַסאָציאיישאַן, די מעטאָדן פון געדונגענע בײאָנעטן און בעצאָלטע שפּיאָנען קומען איצטער אַרײַן פאר דער װעלט און װײער דיכטיגן האָריער אין זײער גאַנצער שענדלעכקײט.

עס הײבט דער אינטערנאַציאָנאַלער שנײדער פאַרבאַנד

בעת מיר שרײבן דיזע שורות האָט אָב דער אינטערנאַציאָנאַלער שנײדער פאַרבאַנד אַ האָניגמונשאַן אין זײן. אונזער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן האָט בעשלאָסן אין דיזען פאַרבאַנד זיך אַנצושליסן און האָט געשיקט סעקרעטער דײװיס אַלס דעלעגאַט צום האָניגמונשאַן. מאַנכע מענטשן, װעלכע זײנען פאר אינטערנאַציאָנאַליזם אין טעאָריע, אָבער ניט אין פּראַקטיקע, מעגן עס זיך אַבריכטן, אַז דיזער שריט איז ניט גאַנץ װיכטיג. בײ דער איצטיגער געלעגנהײט, זאָגן זײ, װען אונזערע מעמבערס אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיא און אַנדערשװאָ שטרענגען זיך אָן אױסצוקעמפּפן בעסערע אַרבײטס־בעדינגונגען, האָט דער דזשענעראַל סעקרעטער געדאַרפט זײן דערבײ און העלפן מיט ראַט און טהאַט.

דאַרויף איז בלױז צו בעמערקן, אַז גראָד איצט, װען די מאַנופעקטשורערס פון פילע אינדוסטריען בכלל און אונזערע בפרט מאַכען

רעם פּעריקלענערטען טאַריף אויף אײנגעפֿירטע װאַרע פאַר אַן אויסרײד ניט צו בעװיליגען פאָדערונגען פון אונזערע מעמבערס פאַר העכערע װײדזשעס — גראָד איצט, זאָגן מיר, איז נײטיג, אַז מיר זאָלן שטעהן אין ענגע פערבינדונגען מיט די אָרגאַניזירטע אַרבײטער פון דיזעלבע טריידס אין יוראָפּ. גראָד איצט איז נײטיג, אַז מיר זאָלן דירעקט שטודירן די לאַגע פון אונזערע ברידער און שװעסטער־אַרבײטער אין לאָנדאָן, בערלין, פּאַריז און װײען. װען מיר װעלען זײ בעקענען מיט אונזערע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָנס־מעטאָדען, װען מיר װעלען זײ העלפען אין זײערע קעמפּפע, װעט דאָס זײן אַן אינדירעקטע הילף פאַר אונזערע מעמבערס. יעדער געװינס פאַר זײ װעט ענדליך בײטן אַ דאָפּעלטער געװינס פאַר אונז דאָ. און ברידער דײװיס איז דער ריכטיגער מאַן אויף דעם גיבטן אָרט די לאַגע אין יוראָפּ צו שטודירן און שטעלען אונזער יוניאָן אין פערבינדונג מיט די דאָרטיגע אָרגאַניזירטע אַרבײטער, װײל ער האָט געװאוינט אין ענגלאַנד כמה יאָהרען און האָט געראַיזט אין יוראָפּ. מיר מעגען אַלזאָ ערװאַרטען פון דיזער שפּעטער ערװאַרטען גוטע פרוכט פון זײן איצטיגער רײזע.

„אַרבײטער אַלע לענדער פאַראײניגט אײך!“

פּ ר אַ ק ט י ש ע מענטשן װעלען צוגעבן, אַז אײדער מען הײבט אָן פאַראײניגען די אַרבײטער אינטערנאַציאָנאַל מוז מען זײ פריהער נאַציאָנאַל אָרגאַניזירן און אַנדערײבן הוקא פון יעדען טרײד. אונזערע „קאָנסערװאַטיװען“ אַרבײטען פּאָרט מיט די דיכטיגע מעטאָדען, מעגען אונפעראַנטװאָרטליכע יאָנגע נאַנטע ראַדיקאַלען האַסען זײ װיפיעל זײ האָרץ גלוסט. בעת די „גרויסע“ אַנאַרכיסטישע אַגיטאַטאָרס האָבען זיך געריסען העב דאָרט פאַר אַ פאַנטאַסטישען אינטערנאַציאָנאַליזם האָבען אונזערע „קאָנסערװאַטיװע“ פירער געאַרבײט טאָג־און נאַכט צו אָרגאַניזירען אונזער אײגענעם טרײד. און איצט, װען דרײ פירטעל פון אונזער טרײד איז, אַ דאַנק די קאָנסערװאַטיװען, אָרגאַניזירט, נעהען זײ זיך פעראײניגען מיט די אַרבײטער פון אַנדערע לענדער. װעהרענד די אַנאַרכיסטישע הפקר אגיטאַטאָרס טרײען אַרײַנצוברײנגען חשד און מיסטרויען אין די אָרגאַניזירטע אַרבײטער־רײען אַרום.

װעהרענד מאַנכע מענטשן קומען אַן מיט

[illegible] זאגען מיט וואס דער קאנפערענץ [illegible]. יערענפאלס זיינען ביידע [illegible] נעשטימט, און פיעלע פון [illegible]'ס פארערונגען וועלען וואהרשיינ־[illegible] ווערען.

[illegible] מיר
[illegible] דעם
[illegible]

אונזערע לעזער וועלען זיך דערמאנען, אז איבער דער גאנצער צייט פון דעם קליווער לאנדער סטרייק אין 1911, [illegible] א לאנגע צייט נאך דעם סטרייק, האבען מיר [illegible] די מיינונג, אז די געוואלט־[illegible], [illegible] מען האט דאן בעגאנגען, זיי־[illegible] איינגעזעצט דירעקט פון די קלאוק [illegible] אסאסיאיישען. אנפאנג [illegible] איז דיזע מיינונג בעשטעטיגט [illegible] פון א קליוולאנדער קאורט, בשעת דער [illegible] שפיאן און פעררעטהער, [illegible], איז פעראורטהיילט געווארען פאר [illegible] איף א סקעב, געלבמאן, אויף [illegible] „הארד לייבאר" און 200 דאלאר [illegible]. איך די ענגלישע פיידזשעס וועט דער [illegible] ארטיקלען פון דריי בעזונדערע [illegible]. יעדער פון זיי גיט איבער די פאק־[illegible] לובין'ס אויפפיהרונג אין צייט פון [illegible] און נאכדעם, ווי ער האט זיי געזעהען [illegible] אייגענע אויגען.

[illegible] ווילען מיר בלויז מאכען עטליכע בע־[illegible].

[illegible] פרענקעל, דעם סעקרעטער פון די [illegible] קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסי־[illegible], [illegible] מען אייגענטליך האלטען פעראנט־[illegible] פאר די געוואלט־מעשים פון יענעם [illegible]. [illegible] האט ער די חוצפה אבצולייקענען, [illegible] איז געווען אנגעשטעלט פון זיין אסא־[illegible] און בעקומען רעגעלע געהאלט פאר [illegible] מעשים, טראצדעם וואס לובין האט [illegible] און די קאורט האט דארויף גע־[illegible] די בעסטע בעווייזע.

[illegible] איז לובין'ס בעקענונג און דעם ריכטער'ס [illegible].

[illegible]בין'ס בעקענונג אין קאורט.

[illegible] האב געמעגעדזשט, געפלאנעוועט און גע־[illegible] געוואלדטהאטען אין דעם דזשענעראל־[illegible] קלאוקמאכער אין קליוולאנד, אין 1911. [illegible] געווען טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע. [illegible] 7 דאלאר א וואך סטרייק בענע־[illegible] יוניאן און אין דער זעלבער צייט האב [illegible] 10 דאלאר א טאג און מיינע עקספענ־

סעס פון פיליפ פרענקעל, דער סעקרעטער פון די קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן.

דעם ריכטער'ס רעדע.

מאררים לובין, די דזשורי האט אייך געפונען שולדיג אין דעם אנפאל אויף מאררים געלבמאן, דעם 27טען דזשולאי, 1911, פון וועלכען ער איז געשטארבען. איהר זיינט עהרליך און אונפארטייאיש גע'משפט געווארען. איך בין צופריעדען, אז די בעווייזע צייגען, אז איהר זיינט געווען אנגעשטעלט ביי די קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישען פון אנהויב פון סטרייק און בעקומען פון זיי געצאהלט, וועהרענד אין דער זעלבער צייט האט איהר בעקומען 7 דאלאר א וואך סטרייק בענעפיט פון דער יוניאן; און אז איהר זיינט דארט געווען מיט דעם צוועק אויפצוהעצען און אנצורייצען צו געוואלד־טהאטען, אום די יוניאן צו דיסקרעדיטירען און אויף איהר שולדווארפען, אז דורכדעם זאל דער קלאוק־סטרייק פון זעקס טויזענד מענער און פרויען ניט געוואונען ווערען. איך ווייס בלויז פון צוויי באַ־ראקטערע אין דער היסטאריע, וועלכע מען קען מיט אייך פערגלייכען, און זיי זיינען: בענעדיקט אר־נאלד און יהודה איש קריות. איך בעדויער זעהר פיעל אז די דזשורי האט ניט געטהאן איהר פולע פליכט און ארויסגעגעבען געגען אייך אן אורטהייל פון מוירדער־שלאג, אום מען זאל אייך קענען נאך שווערער בעשטראפען. אייער אויפפיהרונג שטעמ־פעלט אייך אלס א מיזעראבלער, פעראכטליכער מענש. דאס זיינט איהר! די געזעלשאפט דארף פערהאסען אזעלכע נפשות, ווי איהר זיינט!

מיר קענען זיך גענוי פארשטעלען, אז א מענש ווי פרענקעל זאל וועלען דעם עולם נארען. מיר קענען זיך אויך פארשטעלען, אז די פרעסע, וואס פערטהיידיגט די אינטערעסען פון די מאַ־נופעקטשורערס, זאל פערדרעהען אדער אין גאנ־צען די זאך איגנארירען. דער אמת קומט אבער פארט ארויס, און אפילו אזא קופערנער שטערען ווי פרענקעל קען אויך ניט שטענדיג נעהמען דעם עולם אויף זיכער.

איצטער, אז קורנעל מאלהאל האט פערלאזען זיין דזשאב אלס סטרייק־ברעכער פאר די נייר־שאנעל מאנופעקטשורערס אסאסיאיישען, זעהט עס אויס ווי פרענקעל וואלט זיין פלאן פערנו־מען. ער האט זיך מיט איינמאל בעוויזען אין פילאדעלפיא און וויל די פילאדעלפיער מאנו־פעקטשורערס און דאס פובליקום בכלל אויך נעהמען אויף זיכער. אבער אומזיסט איז זיין טרחה.

„קיינער איז ניט אזוי בלינד, ווי דער וואס וויל ניט זעהען". יענע מאנופעקטשורערס, וועלכע ווערען בעצויבערט פון פרענקעל'ס גלאַ־טען צונג, קענען נעביך ניט זעהען, ווי ווייניג עס שטעהט זיי דא געהאלפען צו ווערען פון דער גאנצער פרענקעל חאליאסטרע. זיי מוזען זיך

פילאדעלפיער רעינמאכער פארבערייטען זיך דערצו. וועהרענד די ניו יארקער רעינקאוט מאכער האבען געמאכט זייערע פלענער נאך מיט 11 מאנאטען צוריק.

די פראגע וועגען א רעינקאוט סטרייק איז פארגעקומען ביים קאנווענשאן אין טאראנטא, אין יוני 1912, און די פראגע איז איבערגעגעבען געווארען צו דער זעלבער קאמיטע, וואס האט געהאט צו טון מיט דעם ווייסט־מאכער סטרייק אנפאנג יאהר. געוועהנליך טרייען מיר א סטרייק איבערצואיילען, אויב מעגליך. האבען אבער די בעלי־בתים ניט געוואָרט פערשטעהען זייערע אינטערעסען. וועהרענד מיר האבען אונזער אגיטאציע עפענטליך געפיהרט און קיין זאך פון קיינעם ניט בעהאלטען, האבען די מאנופעקטשורערס געמאכט זיך ניט־וויסענדיג און ווי דער שטרויספויגעל האבען זיי בעהאלטען זייערע קעפ אינ'ם זאמד פון „ציפאר"

ווען מיר שרייבען דיעזע שורות געפינען זיך די רעינקאוט־סטרייקערס אין א דרייפאך־בעפעסטיגטער פאזיציע. ערשטענס האט די פארבערייטונג פון א גאנץ יאהר שטארק פערשטערקט זייערע רייהען. זיי האבען זיך אלזא געשטעלט געגען דעם שונא א גרויסע ארגאניזירטע מאכט. צווייטענס איז לאקאל 20 פערבונדען מיט דער ניו יארקער דזשאינט באארד. די דזשאינט באארד האט בעשטעטיגט זייערע פאדערונגען און איז בערייט ווי ווייט מעגליך זיי צו שטיצען. דריטענס זיינען זיי אונטער דעם שוץ פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, וועלכע האט דעם סטרייק אינדאסירט און וועט מיט אלע כחות העלפען אז זיי זאלען ערהאלטען א זיעג.

פון די סטרייקערס בעגייסטערונג גופא, פון דער ארט און ווייזע ווי זיי האבען זיי אין מאן די שעפער פערלאזען, פון דעם וואס די סטרייק־פיהרער זיינען דורכגעפיהרט געווארען גלאטיג און אהן שום שטערונג. פון דעם אלעם קען מען ארויסזעהען, אז דער קאמפף וועט זיך אין גיכען ענדיגען מיט א זיעג. דער סטרייק איז גערופען געווארען דיענסטאג דעם 15טען דזשולאי, און צו מארגען זיינען שוין אלע שעפער געוועזן לעדיג, און אן ארמעע פון פיקעטס איז געוועזן פאר־שטענדיג ארגאניזירט. די סטרייקערס שטעהען פעסט ווי א מויער און וועלען זיך צו דער ארבייט ניט אומקעהרען, ביז זיי וועלען זייערע גערעכטע פאדערונגען געווינען. דעם 22טען יולי האבען ארום 15 מאנופעקטשורערס שוין האט אונטערשריבען דעם יוניאן־אגרימענט אויף 48 שטונדען א וואך ארבייט, א גאראנטירטען מינימום־לוין פון 75 סענט א שטונדע פאר שטיק ארבייטער, אפרייטארס און בעמינ־טערס, 30 דאלאר א וואך פאר קאטערס, 25 דאלאר פאר פרעסערס און אנדערע וויכטיגע פאדערונגען.

דער סטרייק ווערט ענערגיש געפיהרט פון אונזער וויס־פרעזידענט, העררי דובינסקי, דער מענעדזשער פון לאקאל 20, צוזאמען מיט אן ערגעבענע קאמיטע פון טיכטיגע בעאמטע און מעמבערס.

ווי די קלאוק און סקוירט מאכער אין ניו יארק

זייט איינגע וואכען גערעדט און א קאנפערענץ צווישען די לידערס פון דער קלאוק און סקוירט מאכערס יוניאן מיט דער מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישען, וועגן העכערע וויידזשעס און אנדערע אמענדמענטס צום פראטאקאל. פיעלע צייטונגען, וועלכע וויסען ניט וואס דא קומט פאר, האבען געשריבען, אז אזוי ווי דער פראטאקאל ענדיגט זיך שבת דעם 19טען דזשולאי, פעראנדערט מען יעצט וועגען א נייעם אגרימענט. אין דער ווירקליכקייט איז עס אבער א פאלשער בעגריף.

דער פראטאקאל, וואס איז אונטערשריבען געווארען דעם 2טען סעפטעמבער 1910, האט ניט קיין בעשטימטע צייט ווען ער זאל איבערגעהן. ער קען עקזיסטירען אייביג, ווען ביידע צדדים ווילען איהם אנהאלטען. דאגעגען קען ער אבגעבראכען ווערען צו יעדער מינוט, ווען איינע אדער די צווייטע זייט גלייכט ניט דעם פראטאקאל. ער ווערט נור אזוי לאנג אנגעהאלטען, ווי ביידע צדדים זיינען איינפערשטאנען.

דער יעצטיגער קאנפערענץ איז בלויז, אום אויסצובעסערען געוויסע זאכען, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען אין די לעצטע דריי יאהר אז זיי ארבייטען ניט גוט.

אויך דענקען די יוניאנס, אז דורך די דריי יאהר איז דער לעבענס־מיטעל זעהר פיעל געשטיגען, און דערפאר זיינען אלע ארבייטער בערעכטיגט צו קריגען א העכערונג פון וויידזשעס.

דער פראטאקאל גיט ביידע זייטען דאס רעכט צו יעדער צייט צו פערלאנגען א קאנפערענץ, אום צו בעשפרעכען געוויסע פראגען, וועלכע האבען א שייכות מיט'ן טרייד. מיר קענען נאך יעצט

דער לײדיעס גאַרמענט װאָרקער

עדיטאָריעלס

דער סטרייק פון די פילאדעלפיער קלאוקמאכער

איינער פון די שעהנסטע סטרייקס אין דער היסטאָריע פון דער אינטערנייטאָנאַל יוניאָן איז געוועזן דער [illegible] ארויסגערופען פון די קלאָוק־שעפער אין פילאַדעלפיא, מאָנטאג, דעם 14טען דזשולאי. פינף־טויזענד שטארק האבען זיי מארשירט אין די גאסען אריין מיט א פעסטע ענטשלאָסענהייט ניט צוריקצוקערן, ביז די באָסעס וועלען זייערע פאָדערונגען נאָכגעבען. די בעלי בתים האבען, ווי געוועהנליך, געוואַרט אויף א „טאָמער": „טאָמער וועלען די ארבייטער ניט פאָלגען זייערע פיהרער". אָבער, ווען די שעפער זיינען געוואָרען ליעדיג ווי א בית־עולם, האָבען זיי אָנגעהויבען איינציגווייז קומען בעטען א סעטל־מענט. דריי טעג שפּעטער זיינען שוין 30 פירמעס געווען גרייט צו סיינען דעם אגרימענט; און [illegible] ריעזע שורות וועלען ווערען געלעזען, [illegible] שוין די איבריגע באָסעס שטארק חרטה האָבען וואָס זיי האָבען אַוועקגעלאָזען די געלעגענהייט צו סעטלען מיט דער יוניאָן פאַר דעם סטרייק. עס איז אפילו געוועזן א קאָנפערענץ מיט די יוניאָן־פיהרער, אבער דער קאָנפערענץ האָט זיך געענדיגט מיט גאָרנישט. די באָסעס האָבען ניט געוואָלט נאָכגעבען דריי פון די וויכטיגסטע [illegible] פאָדערונגען: די אָבשאַפונג פון [illegible], ארבייט אין דער היים און א [illegible] ארבייטס־וואָך. אנדערע פירמעס האָבען זיך געקווייקעלט וועגען די פאָדערונג פאַר א שאַפּ־טשערמאַן.

[illegible] אין אָנפאַנג האָבען זיך די בעליבתים [illegible] אין אזא שטאַרקע פערלעגענהייט, אז [illegible] אראָבגעבראַכט פיליפּ פרענקעל פון [illegible], דעם סעקרעטער פון די וועסטערן [illegible] אסאָסיאיישען, ארויסצוהעל־פען זיי פון א צרה. אבער דיעזע „באָמבע" איז געוועזן א זייפענבלאָז. ווייס־פּרעזידענט אַמדור און לאַפּידוס, די פיהרער פון סטרייק, האָבען גלייך פערבאַפּט און צונעגרייט א זעהר ביטערע פּיל פאַר דיעזען ניי־מאָדנעם סטרייק־ברעכער. זיי האָבען געלאָזט פערעפענטליכען אין דער ניו יאָרק „גלאָוב" די געשיכטע פון דעם לובין־סקאַנדאַל. דער עולם האָט געכאַפּט די קאָפּיעס ווי מצה־וואַסער. און ווען פרענקעל איז געקו־מען, האָבען איהם די רעפּאָרטערס געהאַלטען אין איין באָמבאַרדירען מיט פראַגען וועגען די מיאוסע פערהעלטניסע וואָס ער האָט געהאַט מיט לובין דעם שפּיאָן און מסור. נו, האָט פרענקעל געשוויצט ווי א ביבער, און געטרייעט ארויסדרעהען זיך מיט ליגענס. נאָכהער האָט ער ארויסגעגעבען איין ערקלערונג, די הויפּט־באָסעס פון קליוולאַנד א גאַנץ אַנדערע ערקלע־רונג און דעטעקטיוו בוירנס'עס אַגענט—א דריטע ערקלערונג, וואָס האָט די ערשטע צוויי ער־קלערונגען אין גאַנצען ווידערשפּראָכען.

הכלל, פרענקעל'ס קאַמפּיין פּלענער זיינען מיאוס דורכגעפאַלען. אמת, די באָסעס האָבען איינגעלאָדען די ארבייטער צוריקצוקומען צו דער ארבייט אויף די אַלטע בעדינגונגען, האָבען זיי אָבער ניט געטראָפען. די ארבייטער שטע־הען פעסט, די באָסעס זיינען צוריסען, און א זיעג איז נאָהענט!

ניו יאָרקער רעינקאָוט מאַכער אין קאַמפּף

עס האָט קיינעם ניט גע־וואונדערט צו הערען, אז די פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער און די ניו יאָרקער רעינ־קאָוט מאַכען זיינען ארויס אין סטרייק פאַר בע־סערע בעדינגונגען, ווייל עס איז פאַר קיינעם קיין נייעס ניט. שוין מאָנאַטען לאַנג ווי די

לעזט רעגעלמעסיג דעם
„לידיעס גאַרמענט וואָרקער" און איהר וועט בעסער
פערשטעהן אייער אייגענע
יוניאָן און די טרייד יוניאָן
בעוועגונג

דאָס איז די ריכטיגע סייז פון באַטאָן.
דער קאָליר איז רויט־ענעמעל מיט גאָלדענע
בוכשטאַבען. דער לייבעל אין מיטען איז
אין ווייסען־ענעמעל מיט גאָלדענע בוכשטאַ־
בען. דער באַטאָן איז אַ העכסט־געלונגענע
אַרטיסטישע שטיקעל אַרבייט. אייער
סעקרעטער וועט אייך קענען בעקומען דעם
באַטאָן פאַר בלויז 25 סענט.

ווילט איהר געניסען אַ פערגעניגענדען וואַקיישאַן דעם זומער אין קעטסקיל מאַונטיינס,
שרייבט צו אייער אַלטען פריינד שינדלער
אַמאָליגער סעקרעטער פון לאָקאַל 25. אַדרעס:
שינדלער'ס פריידי הויז, באָקס 1, ליווזאַן, סאַליוואַן קאונטי, נ. י.
די הייזער שטעהט אויף אַ הייכען גרונד, גרויסע און הויפטיגע צימערען, לעצטע סאַניטאַרע
איינבעבעריינגען, און עלעגאַנטע, גרייסאַרטיגע אומגעבונג.
איהר קענט זיך באָדען, פיש כאַפּען אָדער אַנדערש זיך אַמוזירען.
מילך, פּיטער, אייער און אַלע גרינע שפּייזען פון אונזער אייגענער פאַרם.
מיר גאַראַנטירען אַז איהר וועט צופריעדען זיין.
נעהמט די אָנטעריא ענד וועסטערן ריילראָוד ביי קאָרטלאַנד אָדער 42טע סטריט פּערים.
ראָקאָר און לאָנג דיסטענס טעלעפאָן.

דיעזער זשורנאַל איז געזעצט און געדרוקט
אין דער גרעסטער

יוניאָן דרוקעריי

פון

ליפשיטץ - פּרעסס

49-51 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק

Tel. 1729-1730 Franklin

שרייבער'ס יוניאָן דרוקעריי

איז יעצט אין

437 גרענד סטריט

די גרעסטע אידיש־ענגלישע פּרינטינג
אויף דער איסט סייד.

Tel. 6951-6952 Orchard

אויגוסט, 1913

דער לײדיעס גארמענט װארקער

72 זײטען מיט בילדער

אינהאלט:

פון שיקאגא ביז סאן־פראנציסקא — — — אב. ראזענבערג
װעגען סעטלען שטיק־פרײזען אין װײסט־טרײד — ס. פאלאקאף
איבלען אין קימאנא טרײד — — — — גערטרוד בארנום
דער לובין פראצעס אין קלײװלאנד — — — „אב. יעקב"
דער טאריף איז רויהע װאל — — — — — פיליפ קראנין
אגרימענטס מיט אסאסיאײשאנס פון ארבײטס־געבער — ש. עלשטײן
דער אינטערנאציאנאלער שנײדער־פערבאנד — א. ראזובירי
קאפיטאל'ס קאנספיראציע, גאמפערס לאזט זיך ניט איבערקײפען — — — — — — — אהרן „של ראש"
די אידישע טרײד־יוניאן משפחה — — — — ה. לאנג
דער סך־הכל פון בארבער־סטרײק — — — א. ראזענבערג
דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד אין סינסינעטי.
עדיטאריעלס יוניאן־ברעקלעך.

אפיציעלער ארגאן פון דער
אינטערנײשאנאל לײדיעס גארמענט װארקערס יוניאן.

ליפשיטץ פרעס, 51-49 לאפאיעט סט., נ. י.